STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01665

GOTS FOLK

Nathan Birnbaum

Permanent preservation of this book was made possible
by Philip Reich
in memory of his parents Ben & Rose,
who made Yiddish sound like poetry to him

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר נתן בירנבוים

גאטס פאלק

תרפ״א

וועלט-פארלאג / בערלין

איינבאנד געצייכענט פון מנחם בירנבוים

Copyright 1921 by Welt-Verlag, Berlin
אלע רעכט, בפרט דאס רעכט אויף איבערזעצונגען,
זענען ביים פארלאג.

הַקְדָמָה

„גאָטס פאלק“ איז צוּעֶרשט געשריבּען געוואָרען און אַרויס אויף דייטש (ר. לעוויט פאַרלאַג, ווין 1918). איצטער האָב איך עס איבּערגעזעצט אויף יודיש.

אין דייטשען „גאָטס פאלק“ זענען אויך געווען אָפּגעדרוקט צווײ הוֹסָפוֹת. אַזוי ווי די דאָזיגע הוֹסָפוֹת זענען איבּערגעזעצט פון צוויי מַאֲמָרִים, „עת לעשות“ און „דברי העולים“, וואָס זענען געשריבען און געדרוקט געוואָרען נאָך פאַר „גאָטס פאלק“ אויף לָשון־קודש און אויף יודיש („דברי העולים“, פאַרלאַג מאַקס היקל, ברין), האָב איך עס געהאַלטען פאַר איבּעריג, איבּערצודרוקען זיי דאָ נאָך אַמאָל. אויף זייער אָרט האָב איך בּעסער אַריינגענומען אַן אַנדערע הוֹסָפָה: אַ מַאֲמָר, וואָס איז אַרויס נאָך „גאָטס פאלק“, אויך אויף דייטש, אונטער דעם נאָמען „נאָכבּעמערקונגען צו גאָטעס פאלק“. איך האָף, אַז צוליבּ אָט דער הוֹסָפָה וועלען די יודיש־לײענער גיכער געוואָהר ווערען ווי די דייטש־לײענער, וואָס איך בּין דער־עיקר אויסען מיט מיין „גאָטס פאלק“. און אויבּ אַפילו נישט, וועל איך דערווייל שוין זיין צופרידען, אויבּ „גאָטס פאלק“ אויף יודיש וועט האָבּען לפי עֶרך ניט קיין קלענערע פּעולה, ווי ס׳האָט געהאַט „גאָטס פאלק“ אויף דייטש, וואָרין וואָס ווייטער ווייזט זיך אַלץ מעהר אַרויס, אַז „גאָטס פאלק“ אויף דייטש האָט ניט נאָר געמאַכט אַ שטאַרקען רושם, נאָר אויך געהאַט אַ שטאַרקע קיומדיגע פּעולה אויף די, וואָס זענען כאָטש נאָך אַ בּיסאַלע ראוי צו איהר.

ב״ה בערלין, תמוז תר״ם

ד״ר נתן בירנבּוים

תשובֿה

לכּתּחילה איז בײַ מיר אויסגעקומען, אַז ווען ס'אַנערקענט דאָס יודישע פאלק פאַר אַ פאלק מיט באַזונדערע תּבֿיעות אויף אַ באַזונדער לעבען און אַ באַזונדערן קיום, איז אַ נאַציאָנאַלער יוד און אַלײן מיט זײַנע אײגענע גײַסטיגע וואָרצלען מעג ער זײַן אײַנגעוואָרצעלט, וואו ס'זאָל ניט זײַן. איך האָב דעמעלט בכלל ניט געטראַכט וועגען רעליגיע. איך האָב אַפילו געוואוסט, אַז אַמאָל האָט זי געהאַט דעם אויבען־אָן אינ'ם לעבען פונ'ם יודישען פאלק, און אַז אויך הײַנט האָט זי, ווי עס ווײַזט אויס, נאָך אַלץ אַ גרויסע דעה בײַ איהם. נאָר דאָס איז דען געווען מײַן און מײַנסגלײַכען עסק? מיר זענען דאָך געווען עפּיס נאַציאָנאַלע יודען, ניט קײן רעליגיעזע . . .

שפּעטער — ווען איך האָב מיך אָפּגעזאָגט פונ'ם דאָזיגען אַנערקענונגס־נאַציאָנאַליזם, ווען כ'האָב מעהר ניט געהאַלטען פון צורעכענען זיך צון אַ נאַציע פּשוט, ווײַל מען האָט חשק דערצו, נאָר אַז מען דאַרף טאַקי קערען צו זײַן פאלק לויט'ן פאלקס לעבען און מהות — האָב איך שוין ניט געקאָנט קוקען מיט אַזאַ גלײַכגילטיגקײַט אויף דער רעליגיע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז, טויזענטער יאָהרען געווען דער עיקר פון דער גאַנצער יודישער היסטאָריע, דאַרף זיך על־כּל־פּנים אויסדריקען אין איהר דאָס אינעווײַניגסטע מהות פונ'ם יודישען פאלק, און אַז דעריבער פאַרדינט זי, מען זאָל זיך שטאַרק פאַרנעמען מיט איהר און זיך באַציהען צון איהר מיט'ן גרעסטען דרך־אֶרץ.

ווײַטער בין איך דערווײַל ניט דערגאַנגען. נאָך אַלץ בין איך געווען בײַ מיר זיכער, אַז זי האָט בכלל פאַרלוירען איהר וויכטיגקײַט פאַר דעם הווה און פאַר דעם עתיד. ניטאָ געווען אַזױנס, וואָס האָט מיך געזאָלט נײטען צו גלײבען, אַז נאָר די רעליגיע איז ראָוי און אַז אויף אײביג וועט נאָר זי בלײַבען ראָוי, אויסצודריקען דאָס יודישע מהות. אַדרבא, האָב איך געקלערט, פאַר וואָס זאָל ניט זײַן געמאָלען, אַז נאָך איהר וועט קומען עפּיס נײַס און נעמען אויף זיך, אויסצודריקען דאָס, וואָס ביז אַצינד האָט זי עס אויסגעדריקט. אָדער נאָך בעסער: פאַרוואָס זאָל נישט זײַן מעגליך, אַז דאָס מהות זאָל זיך באַווײַזען אומעטום אינ'ם לעבען לויט זײַן גאַנץ ברײטקײַט?

נאָר לאַנג האָב איך מיך נישט געקענט האַלטען בײַ דעם דאָזיגען זיכערען מײנונג. באַלד — ס'איז אין דעם שוין אַ היפּשע צײַט — האָט זיך מיר אויסגעוויזען זײער בולט, אַז די גאַנצע היסטאָריע פונ'ם מענטשליכען מין און פון די פעלקער, אַלע קולטורעלע אויפטוען באַהעפטען זיך, קריסטאַליזירען זיך און בויען זיך אויף אַרום רעליגיעזע רוחניותדיגע אַקטען, און מיט גרויס באַוואונדערונג און התלהבֿות בין איך געשטאַנען בײַ די דאָזיגע גרויסע אָנגעסודעטע רוחניותדיגע אַפּאַראַטען, וואָס לויט באַשטימטע פּאַראַלעס ווײַזען זײ וועגען אויף אַלע זײַטען. און גרינג צו פאַרשטײן, אַז, דערגאַנגען צו דער דאָזיגער הכּרה, האָב איך געמוזט צוטרעטען מיט איהר אויך צו דער יודישער היסטאָריע און האָב געמוזט דרינגען, אַז דער עתיד פונ'ם יודישען פאלק,

אויב ס׳האט בִּכְלַל נאך אַן עָתִיד, קאן זיך אַנדערשט ניט אויפבויען נאר פון אינעווייניג אַרום זיין רעליגיעֶזער רוחניותדיגער אַקס. נאר נאך אַלץ בין איך געווען צופיל איינ־געטונקט אין מאַטעריאַליזם, איך זאל שוין מיט אַ רוהיג געוויסען קאנען אַרויסטרעֶטען פאַר מיין הַכָּרה מיט פראַקטישע אויפטוען. געפיהלט שוין אַפילו די סתִירה צווישען דעם מאַטעריאַליזם און צווישען מיין מין פאַרשטייען די ראליע פון רעליגיע אין דער היסטאריע און אין דער קולטור. און מיט מיין גאַנץ ביסעל חוש פאַר מַשיג צו זיין דאָס צונויפגעבונדענקייט פון אַלע וועלט־געשעֶהענישען געשפּאַרט מיך אַקעֶגען דעם אויסטייטשען די רעליגיע און די רעליגיעס און זייערע תּוכנס פאַר אַ מין אויטאמאַטישע תַּכליתדיגע פיקציעס, כְּדֵי די היסטאריע זאָל זיך לייכטער קאנען גיין איהר גאַנג. נאר גלייבען האב איך פארט נאך אַלץ נישט געקענט, נאך אַלץ ניט געוועֶן אויף דער מַדרֵגה פון דַעת ד׳.

איצטער — ווען איך בין שוין לאַנג אויף דער דאזיגער מַדרֵגה און האב שוין אַ סַך געטראַכט וועֶגען דעם אייבערשטען, נעם איך מיך אונטער, אויב מען פאַרלאַנגט עס גראָד פון מיר, צו פאַרטיידיגען (ניט חָלִילה צו באַווייזען) מיין אֶמונה אין גאט און אַלץ, וואָס ס׳איז געדרונגען דערפון, מיט כָּלערליי טַעמים. איך קאן מיך לְמָשל פאַר־רופען דערויף, אַז פאַר יעֶדען מענטשען איז פאַרטיג דער פּלאַן פון זיין לעֶבען שוין אין דער עֶרשטער רֶגע פון זיין באַשאַפען וועֶרען, אַז שוין אינ׳ם זאָמען איז איהם אָנגעצייכענט זיין וועֶג צום גייסט — היינט פאַרוואָס זאלען זיין די נאַטור און די היסטאריע מעֶהר נישט ווי אָנטראָגעכצען אָהן אַ פּלאַן, פון וועלכע ס וואַקסט אַרויס נאר ווי עַל פּי מִקרה די פונקציע פון גייסט? און כְּדֵי צו שטיצען דעם דאזיגען טַעם, קאן איך נאך אָנווייזען דערויף, אַז דער פּלאַן, וואָס אינ׳ם זאָמען פון אַ יעֶדען יָחיד, איז דאך שוין באַהאַלטען אין די פּלעֶגער, וואָס אין די זאָמענס פון זיינע אָבות, און אַז דעריבער קאן נישט אַנדערשט זיין, נאר די פּלעֶגער רוקען זיך אַלץ ווייטער צוריק און וואָס ווייטער צוריק, גיסען זיי זיך אַלץ מעֶהר צונויף. איך קאן מיר פאָרשטעלען דאָס אַנטוויקעלונג אַרויסקומענדיג פונ׳ם אייביגקייט ווי אַ שניידערשע אייל פון דעם פּודאַלע, פון וועלכען מען וויקעלט זי אַרויס. נאר אונזערע חושים דאַכט זיך, אַז זי וויקעלט זיך אַרויס פון איינס ביז הונדערט, פון אונטען אַרויף, באֶמת אבער איז זי געוועֶן שוין פון אינעווייניג דער פאַרטיגער, געפּלאַנעוועטער הונדערטער און שוין אין וויגאַלע איז געזעסען ביי איהר דער גייסט. איך קאן אויך ברענגען אַ ראַי׳ פונ׳ם חוק הַמוסר — אֶמת, די פאַרגלייבטע אין לְפי־עֶרכדיגקייט גלייבען ניט אין זיין מְציאות — אָנווייזענדיג אויף דעם אַבסורד, זיך פאָרצושטעלען, אַז ער האט זיך אַליין געמאַכט אין איינעם מיט׳ן מעכאַנישען רוקען זיך פון אַנטוויקעלונג. און בִּכלַל קאן איך אַרויס־טרעֶטען אַקעֶגען דער פאָרשטעלונג פון אַ וועלט, וואָס איז ניט געפּלאַנעוועט געווארען און וואָס שפּעֶטער האט זי זיך פארט צובליהט גלייך זי וואלט פון אָנהייב אָן געוועֶן געפּלאַנעוועט געווארען, טַעֶהנדיג, אַז דאָס איז מעטאַפיזיק מיט אַן אַנטימעטאַפיזישען מיין; אַנטקעֶגען דער דאזיגער סתִירה קאן איך אַוועקשטעלען דעם קלאָרען און בולטען געדאַנק, אַז דארטען, וואו ס׳באַווייזט זיך אַ פּלאַן, מוז זיין אַ פּלאַנער, אַז דער

גראַנדיאָזער וועלט־בנין מוז האָבען זיין בונה עולמים. און באַנוצענדיג מיך מיט דעם דאָזיגען פאָרשטעלונג פונ׳ם אין סוף, וועלכער מאַכט פלענער פאַר טעג און יאָהרען, קאָן איך מיך נעמען צו די פּרטים, אויב ס׳גלוסט זיך מיר, און קאָן אַוועקשטעלען די גבורת הבורא, זיין צדק און זיין גוטסקייט אַזוי הויך, אַז די טענות פון אַ יעדען טאָג זאָלען גאָר מעהר נישט קאָנען צוקומען צו זיי.

נאָר אויך ניט דיי און אויך ניט קיין אַנדערע טעמים — מיט וועלכע איך באַנוץ מיך אויך היינט נישט, כּדי סומך צו זיין אויף זיי מיין אמונה — האָבען מיך געפיהרט צום איהר. איך האָב ניט „געזוכט" גאָט, ווי מען רופט דאָס היינט אָן אַזוי שיין און אזוי שקרדיג, און איך האָב איהם ניט געדאַרפט געפינען, ער האָט זיך געהאַט אָנגערופען אין מיר און שפּעטער פלוצלינג זיך באַוויזען אין מיין באַוואוסטזיין. גאָר אָהן פאַרמיטעלונג האָב איך דערקענט דעם, וואָס אין איהם זענען איינגעוואָרצעלט די רוחניותדיגע אַקסען פון אַלע פעלקער, וואָס צייכענט אָן די אַנטוויקעלונגען, דעם וועלט־פּלאַנער און וועלט־בויער, די סבת כּל הסבות, די עלת כּל העלות. תּחילת האָב איך מיך נאָך געשעמט, מודה צו זיין אויף דעם דאָזיגען דערקאָנען, נאָר באַלד האָב איך גובר געוועזען די דאָזיגע פאַלשע בושה און איהר אָרט האָט פאַרנומען אַ נייע, אַ ברענענדיגע בושה, וועלכע האָט מיך ניט פאַרלאָזט עד היום — די בושה, וואָס כ׳האָב אַזוי לאַנג געקענט זיין צווישען דיי, וואָס ווייסען ניט פון איהם; וואָס די הכּרה פון מיינע אָבות אַבותי — די גראַנדיאָזסטע, וואָס איז ווען געוועזען אויף דער וועלט — האָט זיך אַזוי לאַנג ניט דערוועקט אין מיר; וואָס דאָס קול פון מיין פאָלק האָט אַזוי לאַנג געשוויגען אין מיר.

און דאָס ביסעל מאַטעריאַליזם, וואָס האָט נאָך געזשיפּיעט אין מיר און געשטוקעוועט היסטאָריע — דעמעלט בין איך עס פּטור געוואָרען. ערשט דעמעלט האָב איך אויך דערקאָנט מיין פאָלק, דאָס באַזונדערקייט פון זיין מהות און פון זיין לעבען. אַוודאי האָב איך געזעהן, אַז אויך ביי די אומות העולם — נאָך איידער יודישע השפּעות האָבען דערגרייכט צו זיי — זענען אויסגעוואַקסען מענטשען, וואָס האָבען דערקענט גאָט אָדער זענען כאָטש געוועזען נאָהנט דערצו, צו דערקענען איהם. אָבער ער האָט זיי ניט געשיקט, צו ברענגען די בשורה פון איהם צו זייערע פעלקער און זיי אַריינצופיהרען אין דער וועלט מיט איהם. זיינע שליחים זענען זיי ניט געוועזען, ליב האָבען זיי איהם ניט געהאַט. גאָרניט, נאָר זיך אַוועקגעשטעלט אין דער הייך און מיט קאַלטקייט פילאָסאָפירט וועגען איהם און די פעלקער אַליין זענען זיך טאַקי ווייטער געגאַנגען זייערע וועגען, דאָס אלהות געזוכט אין דער וועלט, אין פאַרשיידענע פענאָמענען, און אַזוי־אַ־נאָך, פאַרשטייט זיך, צוטיילט זיך עס אויף בילדער, מיט זייערע חושים צופּיצעלט און צו־ברעקעלט דעם בורא. נאָר מיר, מיר, דאָס שטייבעלע צווישען די בערג, מיר פון די עלטסטע צייטען אָן די ערשטע און די איינ־און־איינציגע צווישען אַלע, סיי פון מזרח סיי פון מערב, נאָר מיר האָבען ניט געדאַרפט ערשט זוכען גאָט, כּדי צו דערקאָנען איהם. נאָר פאַר אונז איז ער געוועזען מעהר פון אַ המצאה, מיר זענען מיט איהם אַריינגעטרעטען אין דער וועלט, כּדי צו זעהן זי דורך איהם, און אין דער היסטאָריע, כּדי צו בויען זי

לויט זיין רָצון. נאר מיר האבען איינגעארדענט אונזער קליינעם ציבור פאַר איהם, ניט פאַרבענקט זיך נאך גבורה, ניט געזוכט פאַר זיך קיין קליינטשיקען רֶווח. פאַריָתומטע און ניט־דערקאנטע זענען מיר געבליבען צווישען די היידישע פעלקער פון די אַלטע צייטען: עפּיס מְשונהדיגע ברואים, וועלכע זיי האבען ניט אָנגעהויבען צו פאַרשטיין. און אויך שפּעטער, אין די לאַנגע דורות, ווען מיר האבען זיך צונויפגעטראפען מיט זיי, זענען מיר ווייטער געבליבען די איינגענע שטאלצע פאַריָתומטע מענטשען. וואָרין אַפילו געגעבען זיי נייע רעליגיעזע יְסודות, אַריינגעלאזט אונזער גאט־געדאַנק אין זייער אייגענע געשפּאַרטער וועלט און ער האַלט דארטען אין איין יֶעהרען — אויף אַזוי ווייט מעג מען רעדען וועגען אַ מין גייסטיג קאלאניאַל־יודישקייט — נאר זייער עַקשָנותדיג אינעווייניג היידישקייט האט אָנגעמאַכט אַלץ נייע און נייע מְרידהלעך אַקעגען אונזער גרויסער און איין־איינציגער רעוואלוציע פונ'ם מענטשליכען גייסט. אַלץ אפטער, אַלץ געדיכטער, אַלץ אפענער זענען געווארען זייערע אָנפאַלען אויף אַלצדינג, וואָס ס'איז געוואָקסען בײ זיי אויף דעם יְסוד פון דער יודישער אידעע, און וואָס דערינען איז סיי ווי סיי שוין געווען באַהאַלטען אַ שטיק פון זייער מְרידהשען יֵצר־הָרע. ווייזט אויס, זיי האבען דאָס ניט געקאנט מוחל זיין, וואָס דער שורש און אַ טייל מהות דערפון זענען געווען יודיש. בִפרַט זינט די רענעסאַנס־צייטען האבען זיך וואָס אַמאָל מעהר געשטאַרקט זייערע אַטאַקעס אַקעגען דער יודישער פאַראלע „פריהער גאט און דערנאָך די וועלט" און אַנטקעגען די געטליכע צוימען אַרום דעם מענטשען; האט דער אַלטער היידישער יֵצר־הָרע אַלץ מעהר זיך פאַרבענקט, אַרויסצוקומען פון די דאזיגע צוימען, צו געפינען אַ וועג אַרויס צו זיין אַזוי אָנגערופענעם „פרייען שפּיל פון די כוחות", בײ וועלכען ס'דערהַרגעט ניט נאר קַין הֶבלען, נאר אויך איין קַין דעם צווייטען קַין און אַמאָל אַפילו איין הֶבל דעם צווייטען הֶבל. מיר אבער זענען געווען ווי מענטשען, וואָס זיצען אין אַ פארט אָהן ווינטען און קוקען אַרויס אויפ'ן יַם מיט זיינע ווילדע שטורימס. מיט פאַרחידושטע אויגען האבען מיר זיך צוגעקוקט צו דער מִלחָמה אין דרויסען, צו דער גרויסער מִלחָמה, וואָס האט זיך דארטען געפיהרט וועגען אַ קליינטשיק שטיקעל פון אונזער יַהדות, און מיר זענען געבליבען אינ'ם פארט — געבליבען איינע אַליין מיט די אֵימהדיגע הייליגע סודות פונ'ם אייביגקייט. גאט האט אונז געהאַט אויסגעקליבען און מיר איהם.

הײדישע יודען

נאָר פון דעסטוועגען איז געקומען די שָעה, ווען דער שטורים איז אויך אַריין אין אונזער פּאַרט. דערפיהלענדיג דעם הײדישען זאַמען אויך אינ'ם יודען האט ער געפּרוּווט צו באַנוצען זיך אויך מיט'ן דאָזיגען זאָמען פאַר זיינע צוועקען — די עמאַנציפּאַציע פון יודען רופט מען אָן דאָס דאָזיגע שפּילעכעל. אֶפשר האט ער זיך גענײטיגט אין דער הילף פון יודען אָהן יודישקײט, כְּדֵי לייכטער גוֹבֵר צו זיין דאָס שטיקעל יַהדות, וואָס האט זיך געהאַט אַריינגעכאַפּט צווישען די אומות הָעוֹלם גופא. און דעמעלט איז געשעהן אַזוינס, וואָס אין אַזאַ ברײטער מאָס און אַזוי אויסגעהאַלטען, איז עס ניט נאָך אַמאָל פאָרגעקומען נאָר אינ'ם יודישען העלעניזם. יודען האבען מֶעהר ניט געפיהלט דעם חַי עוֹלָמִים איבער זײערע קעפּ, אַוועקגעוואָרפען דעם אַלטען, אַלטען יִחוּס, וואָס גאָט אַלײן האט איהם זײ געגעבען, און געוואָרען די פאַרעַקשנטסטע טוערס און שלִיחִים פון דער הײדישער מְרִידָה. ניט געוועֶן דאָס נאַרישקײט, דאָס מְשוּגַעת, וואָס זײ האבען ניט געזאָלט זיין צווישען די עֶרשטע נאַראָנים און מְשוּגָעִים, אַ סַך מאָל צווישען די פיהרער: פאַרפיהרטע, מיטגעשלעפּטע פיהרער.

די הײדישע מְרִידָה־מאַכערס האבען אויסגעפונען, אַז ס'איז דאָ מְכלוֹמרשט אַ פרייער גײסט און זײ זאָלען איהם דאָס אַרויסלאָזען פונ'ם מויל כאטש נאָר אויף אײן רֶגע. הַגַם זײ האַלטען אין אײן אונטערשטרייכען, אַז דער מענטש איז אַרומגערינגעלט פון באַדינגונגען און האט ניט קײן בחירה, האבען זײ דאָך פיינט תַּכלִית הַשִׂנאה דאָס פאָרשטעלונג, אַז די פאַראַלעס הַקַדמוֹניוֹת פונ'ם אײביגקײט און די ווערטער פון די גרויסע מוֹכִיחִי בְּנֵי אָדם דאַרפען זיין די עֶרשטע יְסוֹדוֹת פונ'ם מענטשליכען קלעֶרען. די בְרָכה, וואָס איז באַהאַלטען אין אַנ'איבערצייטליכער דיסציפּלין פונ'ם מענטשליכען גײסט, קומט אויס ביי זײ אַ קְלָלה, און דאָס הײדישקײט פון מאַסען, וואָס לאָזען זיך אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהעֶר — לויט ווי ס'פיהרען זײ זײערע פיהרערס, מענטשאַלעך אָהן אַחרַיוּת־געפיהל און מיט קלײנטשיקע לייכטע מוחלעך — ווייזט זיך זײ אויס פאַר אַ בְרָכה. און אויב זיי דערפיהלען שוין יאָ אַמאָל, אַז זײערע סטאַדע נײטיגט זיך פּאַרט אין אַ שטיקעל קָיומדיגער דיסציפּלין און אַז זײ דאַרפען טראַכטען וועֶגען דעֶם — דעמעלט רופען זײ ניט קײן מְבַשׂרי הָאֶמת און ניט קײן שומרי הָאֶמונה, נאָר פּאָליציײניקעס.

און פאַראַן יודען — קינדער פון דעם פאָלק, וואָס גאָט האט עס מְזַכֶּה געוועֶן מיט דער גראַנדיאָזסטער און פרוכפּערדיגסטער שיטה פון אַן אײביגקײטס־דיסציפּלין; וואָס האט געהאַט די זכִיָ', זיך מַכנִיע צו זיין מיט אַ שטאָלצער הַכנָעה פאַר דעֶם, פון וועֶמען ס'נעמט זיך דעם מענטשענס גאַנץ קלעֶרען און טוּן; וואָס האט דערקאַנט דעם אײנציגענס, דעֶם הָוָי' הוֹה וְיִהיֶ'ה ריזיגע בריק איבער דעם תְהוֹם פון טויזענטערלײ דאַכט־זיך־אויס'ען, — פאַראַן יודען, לאָזען זײ זיך אין אײנעם מיט דער סטאַדע, אָדער זײ גײען גאָר אַרויס פון פאָרענט און שרייען מיט אַ גרעסער ווילדקײט פון אַלע: „פרייער גײסט, פרייער גײסט!"

די הײַדישע מְרִידה־מאַכערס האבען גענימען אַ ווארט — „בילדונג" — וואָס ס'האט אויסגעזעהן צו זיין כאַשטימט, צו דערמאַנען דעם מענטשען אינ'ם צֶלם אֱלקים, און האבען אַזוי לאַנג געַזוטשעט עס, ביז ס'איז געווארען צו שפּאט און שאַנד. מיט'ן דערהויבענקײַט פונ'ם מענטשליכען גײַסט האט זײַער „בילדונג" גאָר נישט צו טון. אַלײַן נישט פאַרמאָגענדיג קײַן אײַגענע חָכמה און קײַן אֱמת, זענען זײַ געפאַלען אויף דער אֱמת הײַדישער הַמְצָאָה, צונויפצושטוקעווען חָכמה און אֱמת פון כָּלערלײַ קאלירטע שטײַנדלעך, אַ שטײַגער ווי זײַערע אָבות אֲבוֹתֵיהם האבען צונויפגעשטוקעוועט זײַערע געטשקעס; האבען זײַ צוגענומען די מֶמשָלה ביי די מַלכות דערוקציע און סינטעז און זי איבערגעגעבען די שפחות אינדוקציע און אַנאַליז, האבען זײַ געמאַכט דאָס וויסענשאַפט פאַר אַ קאַליקע און גיבען אָפּ אט דער קאַליקע אַזויפיל כָּבוֹד, וויפיל ס'וואָלט איהר נישט געקומען, אַפילו ווען זי וואלט נאך ניט קײַן קאַליקע געוועַן. מעַהר ניט אַזוי צונויפגעפלאכטען מיט דער וועלט ווי די הײַדען פון די אַלטע צייטען און שוין אָהן דעם הִתלַהֲבוּת פון די יְמֵי הַבֵינַיִם און ניט האָבענדיג זיך באַשאַפען ווירקליכע נייע קולטור־יְסוֹדוֹת — האבען זײַ געבראַכט אַ צייט, אין וועלכער דער קינסטלער האט ניט קײַן בְּחִירה — סיידען ער איז נאך אײַנער פון די עטליכע יורשים פונ'ם אַלטען כּוֹח — נאר אדער מְשַנה צו זיין, וואָס אַנדערע האבען באַשאַפען, אדער פָּשוט צו פלאַפלען; אַ צייט, אין וועלכער ס'ווערט אויסגעטריקענט אינ'ם פאלק דער באַשאַפענדיגער כּוֹח פון שײַנקײַט, און נאר אויף סנאבעס, קולטור־פּאַיאַצען, איז אַ גערעֶטעניש. זיך אַלײַן האבען זײַ אָנגעשטאפּט מיט כָּלערליי פילעכץ פון אַזאַ מין קונסט און וויסענשאַפט, — אָנגעשטאפּט זיך, אַז אט ווערען זיי צופּלאַצט, די בילדונג־קאלבאַסעם — און דעם פראסטען מענטש, דעם מענטשען מיט'ן געזונטען מוֹח און האַרצען האבען זיי געפּיטערט מיט אַ ביסעל אָפּשאָבעכץ פונ'ם פילעכץ, ביז ער איז אויסגעוואַקסען אַ שאָטען — נאר אַ שאָטען, אַ בַעל־חוצפּה.

און פאַראַן יודען — קינדער פון דעם פאלק, וואָס האט געהאַט די זכִי', צו זיין דאָס עֶרשטע אין דַעת ד', וואָס אָהן אַ סַך פּעדאַגאגישע טעאריעס, נאר פָּשוט מיט זיין תּוֹרה מסיני האט עס תָּמיד מְגַדל געוועַן זיינע מענטשען צו טיפקײַט און ניט צו פלאַטשיקײַט, וואס אַפילו די דערהויבענסטע קונסט, וואָס גאטס חֶסד רוהט אויף איהר, איז ביי איהם אויך ניט אויסגעקומען מעַהר נאר נאך אַ קלאַנג צווישען די אַלע וואונ־דערליכע קלאַנגען פון זיין לויב צו גאט; — פאַראַן קינדער פון אט דעם פאלק, שוואַכע, וואָס זענען מעַהר ניט בְּכוֹח צו געבען אַנ'אײַגענעם סִגנון זײַער לעבען, איז שוין ביי זײַ אַ גאַנצע שִׂמחה, צו דרײַען זיך כאטש אַרום אַ קונסט, וואָס גאטס אומחֶסד ליגט אויף איהר, כאטש צו זיין די כַּדחָנים ביי אַ „באַל־מַלכה", כאטש צוצוהעלפען שטוקעווען דעם אֱמת, מאַכען דאָס וויסענשאַפט פאַר אַ קאַליקע און שרייען „בילדונג"; איז זײַ געלונגען בַעוֹנוֹתֵיהם הָרַבים נאך איבערצואָגען זײַערע רֶבים אין די דאזיגע קונצען.

די הײַדישע מְרִידה־מאַכערס שטעקען אַריין די לײַטערלעך פון זײַער רעלאַטיוויזם ביז אינ'ם סאַמע אַבסאלוטקײַט, טאַקע עַד לֶב הַשָמַים, און ווי זײַערע אָבוֹת

אַבֿותֵיהם האבען צופּיצעלט דעם אײנ־און־אײנציגען בּורא עולָמים, אַזוי צופּיצלען זײ דעם אײנ־און־אײנציגען מוסר. וואָרין זײ האבען אויך אויסגעפונען, אַז ס'איז פאַראַן אַ לֶעבען, און ווערען ניט מִיד, אַרויסצושרייען זיינע תּאַוות — „דאָס לעבען פאדערט" — אַקֶעגען די תּאַוות, וואָס גאָט אַלײן האט צום מענטשען.

און פאַראַן יודען — קינדער פון דעם פאלק, וואָס גאָט האט עס אויסגעקליבען, ס'זאל געוועלטיגען איבער דעם לֶעבען — שרייען זײ מיט מיט דעם הַמון־עַם, ווילען זײ בעסער זיין נידעריגע קנעכטישע שפּעקולאַנטען אויף אַ יֶעדער נייער מוסר־מאָדע, וואָס מאַכט זיך אין דער וועלט, אײדער עֲבָדים מְיוּחָסים פון'ם אײבערשטען.

די הײדישע מְרידה־מאַכערס האט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס פריהערדיגע אייראָפּע, וואָס ס'איז דאך אַוודאי אויך ניט געווען קײן גרויסע צנועה, איז נאך אַלץ צו גוט און פרום, נאך אַלץ מְאַנם די נאַטור, שלעפּט נאך אלץ נאָך צופיל קײטען פון רוחניות. האבען זײ אויסגעשריגען: „אַראָפּ די קײטען! פריי זיך צולֶעבען! אַ פרייען וועג פאַר דעם אֶמת פון די אינסטינקטען!" אדער — אויב זײ האבען זיך גראָד גענאַרפט פאַרטײדיגען אַקֶעגען געפֶעהרליכע טַענות — בּאַנוצט זיך מיט אַ בּאַוואוסט און דַווקא ניט קײן הײדיש ווארט: „פאַר אַ כָּשרען מענטשען איז אַלצדינג כָּשר! . . ."

און פאַראַן יודען — זיהן און טעכטער פון דעם שטאַרקען ניט־סענטימענטאַלען פאלק, וואָס בּאַציהט זיך לַחלוטין ניט מיט קײן שלילה צו דֶער וועלט, נאר מיט אַ חִיוּב, וועלכענס וועג איז איבער גאָט; וואָס ראַטעוועט דאָס לֶעבען פון דֶעם רוח שטות און נעמט עס אײן פאַר'ן גײסט — פאַראַן יודען, נעמען זײ אָן די דאזיגע נאַרישע תּורת שֶקר, גלייך אין זײער בלוט וואלט קײנמאָל ניט געווען געלֶעבט קײן תּורת אֶמת; פאדערען זײ הֶפקרות, גלייך זײער פאלק וואלט ניט געוועֶן געקומען צו זיין שטאַרקען ווילען, צו זיין אײביגקײטס־גבוּרה דַווקא אויף דעם לְהֶיפּוכדיגען וועג. פאַראַן יודען, קומט עס אויס בּיי זײ טאַקי ווי אַ תֵּרוץ, אויב זײ ווייזען אָן דערויף, אַז פרומע יודען האבען דאך אויך אַ יֵצר־הָרע, גלייך עֶמיצער וואלט געפּרווט עס אָפּצולײקענען, און גלייך דערפון וואלט ניט דַווקא פאַרקֶעהרט געוועֶן געדרונגען, אַז אַקֶעגען דעם יֵצר־הָרע איז מען ניט יוצא מיט פאַרשטײען איהם און מיט מוחל זיין איהם, נאר מען דאַרף צון איהם נאך מוסר און לייטישקײט. פאַראַן יודען, זֶעהן זײ גאָרנישט, אַז זײ קאנען ניט בּאַווייזען דֶעם גאַנצען קוראַזש פון דֶער נייער תּורה זײערער, ווייל בִּשעת מַעשׂה ווילט זיך זײ אַ סַך מאָל ניט אַריבּערגײן געוויסע לעצטע גרֶעניצען פון מוסר און בּושה. פאַראַן יודען, פרֶעגען זײ זיך ניט, פאַרוואָס, נאר אָנערקענענדיג די חוקים פון דער נאַטור, וועלכע איז דאך ניט טָהור און ניט טָמא, האַלטען זײ פון דעסטוועֶגען אין אײן אַלײן זיך געבּען אַטעסטאַטען אויף צניעות און אויף כּוָונות טהורות; פאַרוואָס זײ לײַען זיך אוים אידעאַלען, צו פאַרפּוצען זײערע תּאַוות, וועלכע בּאַדאַרפען דאך ניט קײן פאַר־פּוצונג לויט זײערע אייגענע פּרינציפּען? פאַראַן יודען, זענען זײ ווי בלינד געוואָרען אַקֶעגען דעם הֶפקרות, וואָס האט זיך אויסגעלאזט פון'ם אַזוי אָנגערופענעם בּאַפרייאונג; פיהלען זײ שוין ניט דעם הײסען, ווישטען, הַמונעדיגען רֵיח, וואָס שפּאַרט אַרויס פון פאַרשוועכטע גאַסען, קונסט־ערטער און שטיבּער; דרײען זײ זיך אומעטום, וואו מען

פֿאַרנעמט זיך מיט דערנידעריקן דעם יצר־הזוג, דעם שטאַרקן בויער פֿון לעבן, צו דער מדרגה פֿון קאַטאָוועס און נבול־פּה, וואו מען דערטרענקט דאָס שײנקײט און די פֿרײד אין בלאָטע; האַלטן זײ זיך פֿאַר דער רוח ווײַסט ווי מאָדערן צוליב זײערע הפקר־מעשׂים אָדער אַפֿילו נאָר צוליב זײערע הפקר־ווערטער — ווי נעבעכדיקע, און קלײנטשיקע און קלײנע ברואים זײ זאָלן באמת ניט זײן.

די ייִדישע מרידה־מאַכערס האָבן ניט קײן אײן רגע געקוקט אויף דער טעכניק ווי אויף אַ שטומער דינסט פֿונ'ם מענטשלעכן כּלל, וואָס ער אַלײן דאַרף בלײַבן געטרײַ צום אײביקײט. נאָר אַדרבא, זײ האָבן געמאַכט דעם דאָזיקן גולם פֿאַר אַ בעל־בית, אַן אַכזר, איבער די מענטשן. זײ האָבן אײַנגערעדט די מענטשן, אַז דאָס טופּען פֿון די מאַשינען, דאָס זשוזשען פֿון די דראָטן, דאָס קלאַפּן פֿון די באַהן־וואָגנס, דאָס עזות פֿון די וואָלקן־קראַצערס, דער פֿילדער פֿון דער בערזע און דאָס געפּלאַפּל פֿון די צײַטונגען, אַז דאָס אַלדינגס איז דער מײַן פֿון זײער לעבן און אַז דאָס רופֿט מען אַן פּראָגרעס. פֿונ'ם אינעווײניקסטן לעבן און פֿון אַלדינגס, וואָס ס'נעמט זיך דערפֿון, האָבן זײ געמאַכט וואַרשטאַטן, דאָס האַרץ גופֿא מעכאַניזירט, אַרײַנגעשטופּט דעם מענטשן אינ'ם גאַנצן שרעקלעכן תּוהו ובֿוהו פֿון אײַזן, שטויב, ברודיקײט, תּאווה, שגעון, שקר און פּוסטקײט און נאָך געפּועלט בײַ אים, צו זײַן שטאָלץ אויף דעם דאָזיקן גורל זײַנעם.

און פֿאַראַן ייִדן — קינדער פֿון דעם פֿאָלק, וואָס בטבֿע איז די נשמה דאָס טײַערסטע בײַ אים — האָבן זײ נישט קײן אַנדערע דאגה, נאָר זיך אויך אונטערצוגעבן דעם נײַעם גולם, נאָר צו ווערן מוסטער־עקזעמפּלאַרן פֿונ'ם נײַעם פֿאַבריק־סטאַנדאַרט־מענטשן.

די ייִדישע מרידה־מאַכערס זענען, פֿאַרשטײט זיך, ניט שולדיק אין דעם מצבֿ פֿון געזעלשאַפֿט, וועלכן זײ האָבן געטראָפֿן אין אײראָפּע, און וועלכער איז געווען ווײַט דערפֿון, צו גאַראַנטירן צדק און משפּט פֿאַר אַלעמען, נאָר זײ זענען דאָך אָבער נאָך ווײַטער פֿאַרקראָכן אין דער בלאָטע: ניט געזוכט קײן וועג צו אַן ערנסטן שלום צווישן דעם וועלטישקײט און צווישן דעם פּרינציפּ פֿון רוחניות, כּדי ס'זאָל שוין אַמאָל קאָנען נעמען אַ סוף צו די אַלע עוולות, וואָס מענטשן און פֿעלקער טוען אײנער דעם אַנדערן; אַפֿילו ניט געטראַכט וועגן דעם פּראָבלעם, ווי אַזוי מען קאָן קומען דערצו, אַז דאָס פֿירונג פֿון די פֿעלקער און מלוכות זאָל זײַן אין דער האַנט בײַ די מענטשן, וואָס טויגן דערצו צום בעסטן, און וואָס זענען טאַקי די בעסטע. נאָר פּשוט געגאַנגען און געמאַכט די רציחה און דעם תּכלית פֿאַר די בעל־בתּים פֿון דער וועלט, פֿאַרהײליקט די עקספּלאָאַטאַציע, אַרויס־געשטעלט די פֿאַראַלע פֿונ'ם הײליקן נאַציאָנאַליזם פֿון דער נאַציע, געפֿילנעוועט מלחמות אָדער געפּרוּווט צו ברענגען משיחן מיט שׂנאה, רציחה און צושטערונג. און אויב דערבײַ איז זײ אַמאָל אויך געלונגען, אַראָפּצוואַרפֿן אַ דעספּאָט פֿון זײַן בענקל — דאַכט זיך, אַז די קונץ האָט מען פֿריִער אויך שוין געטראָפֿן — זענען זײ דאָך דערנאָך אַלײן געוואָרן דעספּאָטן און זײער דעספּאָטיזם איז געווען נאָך געפֿערלעכער דערפֿאַר, ווײַל, צוגײענדיק צו כּלל־מענטשלעכע פּראָבלעמען, מיט זײערע פּיצלעך מוחות, האָבן זײ

פאַרסמט די מאַסען מיט דעם פּועל־יוצא פון זייערע חקירות, מיט זייער ראַדיקאַליזם און פּאליטיזם. זיי האבען טעכניזירט די קונץ פון פאלקס־פאַרפיהרונג און דערמיט געפּועלט, אַז ס'ליגט היינט אַ גערדיכטער וואלקען פון קאָרופּציע און וואכעדיגקייט, וואָס זיינסגלייכען האט זיך פריהער קיינמאָל ניט באַוויזען, איבער אַלע לענדער. זיי האבען געפּועלט, אַז פון עקספּלאָאַטירטע און עקספּלאָאַטירערס, פון קנעכט און האַרען, פון רעגירטע און רעגירערס — די מכלומרשטע שונאים — זענען געווארען חברים, וואָס האַלטען מלחמה פאַר איין זאַך, וואָס אַרבייטען יד אַחת, דער מענטשליכער מין זאל ווערען וואָס מיאוסער און פאַסקודנער. זיי האבען צוגענומען דעם באַלאַנס פון דער נשמה ביי די פעלקער, דאָס האפענונג אויף דעם כּוח האלי' ביים מענטשען.

און פאַראַן יודען — קינדער פון דעם פאלק, וואָס איז געגאַנגען אין דעם רבונו־של־עולמס חדר, כּדי צו לערנען זיך דארטען צדק ומשפּט; וואָס דורך זיין גייסטיג שליחות וואלט עס געדאַרפט זיין באַוואָרענט, צו קוקען אויף פּאליטישע פארימס און פארמולעס ווי אויף דעם תּכלית החכמה פונ'ם געזעלשאַפטליכען קיום און פונ'ם געזעלשאַפטליכען באַוועגונג; וואָס איהם שטייט ניט אָן, אונטערצוגעבען זיך דעם געוועלטיגער־ווילען פון אַ יחיד — ניט דעם אומדירעקטען דעמאקראַטישען, ניט דעם דירעקטען אַריסטאקראַטישען, נאר ס'איז איהם געוויזען געווארען דער וועג צון אַ פאלקס־ממשלה פונ'ם גאט־געדאַנקען — פאַראַן יודען, האבען זיי אָנגענומען די תּורה פון די הײדישע מרידה־מאַכערס במקום פון גאטס תּורה, זענען זיי געווארען אדער עקס־פּלאָאַטארען, שאוויניסטען און מלחמה־שרייערס, אדער די אָפּגעגאַרטסטע שוטים, די פּלאַטשיקסטע פּלאַפּלערס, די טומלענדיגסטע אויסשרייערס אויף אַ יעדען פּאליטישען אידעם־ירידי, וואָס און ווען ער זאָל ניט זיין. פאַראַן יודען, האבען זיי גוט צוגעהאלפען פאַרפאַלטשעווען דעם נביאישען געדאַנק פון ברידערשאַפט צווישען די פעלקער, אויסבייטען איהם אויף דעם הײדיש־טרוקענעם פּלפּול פון קאסמאפּאליטיזם; האבען זיי געהאלפען, אַז פון אַ פּועל־יוצא פון דער יודישער נטי' צו צדק ומשפּט, פונ'ם סאציאַליזם זאל אויסוואַקסען אַ מוראדיגע אַטאַקעס־מאַשין פון די הײדען, די בעל־מלחמה'ס.

די הײדישע מרידה־מאַכערס זענען אפשר נאך מסכּים אויף דעם פאַלטשען מויל־מאַכערישען פּאַטאס — ס'איז דאך גייסט פון זייער גייסט, פון אַ גייסט פון וואכעדיגקייט אָהן הפסקה. דאָס אמתדיגע שבתדיגע פּאַטאס, דאָס נאַטירליכקייט פון די, וואָס פיהלען גאטס נאָהנטקייט, האבען זיי פיינט, הערען ניט אויף אָנצוצייצען אויף איהם דאָס געשפּעט פון דער וועלט, צו טרעטען אויף איהם ווי מיט פאדקאַוועס.

און פאַראַן יודען — קינדער פון דעם פאלק, וואָס דורך איהם האט די וועלט באַקומען דאָס טיפסטע, הייליגסטע, דאָס שטאַרקסטע פּאַטאס, דאָס שבתדיגקייט פון דער פארים, ובפרט גאטס שענסטע מתּנה, דעם שבת גופא — פאַראַן יודען, קוועלען זיי אָן, אַז זיי קאָנען האָבען אַ חלק אינ'ם דאזיגען חילול השם, אַז זיי קאָנען פאַרענדיגען

מיט די נעגעל דאָס, וואָס יענע האבען אָנגעהויבען אויסטון מיט די פּאדקאוועס; אדער סטאַרען זיי זיך כאטש, אויף ווי ווייט ס'איז נאר מעגליך, נישט אַרויסצווייזען זייער פּאַטאס (זיי זעהן נעבעך נישט, אַז זייערע שבתדיגע פּנימער, וואָס זענען פול מיט איינגקייט און מיט היסטאריע, באַקומען ערשט דורך דעם דעם קאַריקאַטורישען שניט!).

די שטאַרקסטע מרידה־מאַכערס אויפגעהויבען אַקעגן דער רעליגיע. ס'איז זיי ניט קיין נפקא־מינה, צי די אמונה צי אַן אַנדערע, צי די רעליגיע, צי אַן אַנדערע. אַלע אמונות און אַלע רעליגיעס קומען אויס ביי זיי ווי קולטור־קדמוניות, וואָס האבען שוין לאַנג אויסגעלעבט זייער צייט; דעם חילוק פון הקב"ה ביז להבדיל אלילים און געטשקעס האבען זיי מבטל געווען און אין דער חברה „געבילדעטע" נעמען זיי נישט אַריין קיין מאמין. דערמיט האבען זיי באַשאַפען דעם חוצפּהדיגען פאַלטשען שמייכעל, וואָס באַווייזט זיך אויפ'ן פּנים פון אַ יעדען שוטה, וואָס איז איינגעגלייבט אין וועלכער ס'איז ניט מאדערנער פּאליטישער תורה און לויפט אויף אסיפות, פון יעדען לייידיגען, פוסטען אינטעליגענט, בקיצור, פון די אַלע נאַרישע און עזותדיגע בילדונגס־קאלבאַסעס (זעה פריהער) — סיי אָנגעשטאפּטע אין גאַנצען, סיי האַלב אָנגעשטאפּטע — בשעת זיי ווילען געבען צו פאַרשטיין אַ מאמין — (אַ סך מאָל מיט אַ בולטען און שקר־וכזבדיגען געסט פון קנאה וועגען זיין גליק) — אַז זיי זענען „שוין אַריבער אַזוינע זאַכען".

און פאַראַן יודען — קינדער פון דעם פאלק, וואָס האט דערקאנט גאט און אַזוי לאַנג גובר געווען די ספקות אַפילו פון ערענסטע, טראַכטענדיגע מענטשען — לאזען זיי זיך אָפּנאַרען פון מענטשען, וואָס זענען אַפּיקורסים נאר דערפאַר, ווייל זיי קאנען ניט אָנטאַפּען גאט מיט די הענט. פאַראַן יודען, לאזען זיי זיך איינרעדען פון די דאזיגע „פילוסופען", אַז דאָס יהדות — וואָס ס'איז דאך געווען אין גאַנצען אַ דבר חדש לגבי דעם הייידישקייט און אַ מורה דרך פאַר די רעליגיעס, וועלכע שטאַמען פון איהם — איז גאָרנישט, נאר אַ שטיק פונ'ם גרויסען וועלט־תפלות און וועלט־הינטערשטעליגקייט און אַפילו דאָס אַרגסטע שטיק. פאַראַן יודען, זענען זיי די גאַוואהדיגסטע און פאַסקוד־נעסטע צווישען די שמייכלער און די גרעסטע פאַנאַטיקער צווישען די אָנטרייבערס פון די שמייכלערס, באַרימען זיי זיך, אַז זיי האבען געגעסען פונ'ם עץ־הדעת, באמת אבער זענען זיי געווארען תמעוואַטע און בלינד; שטאלצירען זיי נאך מיט זייער „קאנסעקווענץ", וואָס זיי האבען באַוויזען צו פאַרגרעסערען פונ'ם איין־אייינציגען גאט צו קיין איין־אייינציגען גאט, באמת אבער האבען זיי נאר אַליין זיך געביטען פון אייינזען אויף נולען.

אמת, די הייידישע מרידה־מאַכערס קאנען אפט שוין אַליין נישט פּטור ווערען אין גאַנצען פון דעם גייסט, אַקעגען וועלכען זיי זענען מורד. נאר אך און ווי! איז דעמעלט צו דעם גאט, וואָס דאַרף ביי זיי איינשטיין. אדער זיי זוכען איהם מכלומרשט, גלייך זיי וואלטען טאַקי באמת געהאַט חשק, טאַקי באמת געהאפט, איהם צו געפינען, אדער זיי טאקען זיך אַ גאט, וואָס ער וויל גאָרניט און קאן גאָרניט און ער טוט גאָרניט און דעריבער איז ער שוואַכער פונ'ם שוואַכסטען ווערימעל אויף דער וועלט, אדער, בלי שום שייכות צו בריאת העולם, האט ער זיך כאטש צוגעקליבען — פּלאי פּלאים — דעם

מוסר פאַר זיין באַזונדער געשעפט אדער ער איז גאָר אַלײן מער ניט נאר אַן אומפּערזענליכער חוק המוסר, וועגן וועלכן ס'ווייסט ניט קיין מענטש, פון וואַנעט ער כאַפּט זיך עפּיס פלוצלינג אַריין אין דער וועלט, אדער ער איז בכלל גאָרנישט, נאר עפּיס אַן אָפּשפּיגלונג, אַ פּאַרקרימטס, פון זיי, די גרויסקייטס־משוגעים, די הײדישע מורדים.

און פאַראַן יודען, קינדער פון דעם פאלק, וואָס האט זוכה געווען צו דער השגה, אַז דער בונה עולמים, דער אָנצייכענער פון אַלע כּלָלישע און יחידישע דרכים, איז דאָס איבערשטע ווירקליכקייט; ובפרט, וואָס האט דערקאַנט, אַז ער איז דער מקור פונ'ם חוק המוסר און אַז דער דאזיגער חוק קער צו דעם תּוכן פון דער רעליגיע — פאַראַן יודען, האבען זיי פאַרגעסען, ווער זיי זענען, שפּילען זיי זיך אויך מיט גאט, יאָגען זיי זיך אויך נאָך איהם אין זייערע „חרטה"־שעהען ווי נאָך עפּיס אַ סענזאַציע אדער האבען אויך הנאה פון אַ געטאַקטען גאָט־סוראָגאַט.

די הײדישע מרידה־מאַכערס זענען אויך דם־שונאים פון רעליגיעזע ארגאַניזאַציעס. וואָרין אַזוי ווי וועלט און מלוכה קומען אויס ביי זיי דער עיקר, פּאַסט זיי בעסער, פון מענטשען צו מאַכען פּאַרטיי־זייגערלעך. נאר פון דעסטוועגן — אויב זיי קערען אַפילו ניט צו די, וואָס פּרוּווען צוריקצוכאַפּען זיך אַ ביסעל צו דעם געדאַנק פון גאט — האבען זיי פּארט ניט פיינט, צו פאַרענפערען זייער שנאה מיט אַ רעליגיעזער אַרגומענטאַציע: אַוודאי, זאָגען זיי, איז פאַראַן ביים מענטשען אַ באַדערפעניש צו בוקען זיך צו דעם לעצטען סוד, וואָס צון איהם העלפט שוין ניט קיין חקירה (על־כּל־פּנים האבען זיי ליב אויסצומיידען דאָס ווארט גאט). נאר דאָס האט דאך ניט קיין שייכות צו געוויסע דאגמעס און רעליגיעזע ארגאַניזאַציעס. אמתע רעליגיע און מאַסען־אַרויסטרעטונגען זענען זיך דאך סותר.

און פאַראַן יודען — קינדער פון דעם פאלק, וואָס האט מקבל און מבשר געווען דעם געדאַנק פון דער גאָטס־פאלקישער מלוכה (ניט פון טעאקראַטיע לויט דעם הײדישע קינדערשען טייטש פונ'ם ווארט) — זאָגען זיי זיך ניט אַרויס אַקעגען דעם געפלאַפּעל, ווערען זיי ניט אין כּעס אויף דעם בלינדקייט פון מענטשען, וואָס זעהן ניט דאָס גרויסע וואונדערליכע דראַמע, ווי אַלע רעליגיעזע געפיהלען און אַלע קולטורעלע פענאמענען שפּאַרען אַרויס פון די טיפע שפּייכלערס פון די רעליגיעזע כּנסיות. פאַראַן יודען, איז ניט גענוג, וואָס זיי מיאוסען זיך ניט פאַר די מענטשאַלעך, וועלכע גיבען אויס זייער בלינדקייט דווקא פאַר גוט־זעהעוודיגקייט, זענען זיי אליין אויך בלינד, שטאלצירען זיי אַליין אויך מיט'ן בלינדקייט, שרייען זיי נאָך די נאַרישע פּאַראלע, וועגן וועלכער מען קאָן אפשר נאך מלמד זכות זיין אויף י ע נ ע, ווייל די היסטארישע סתירה צווישען זייער הײדישער ירושה און די יודישע אידעען־זאַטשעפּעניש האט זיי געבראַכט אין אַ שווערער לאַגע, אבער בשום אופן ניט אויף ז י י, וואס האבען דאך ניט קיין שום שייכות צו דער דאזיגער סתירה. פאַראַן יודען, טרעטען זיי צו מיט דער נאַרישער פּאַראלע אויך צו דער כּנסת ישראל, כאטש אויף איהר פּאַסט זי דאך אַוודאי נישט, כאטש די כּנסת ישראל האט נאך אַ באַזונדערע

לעגיטימאַציע, וואָס זי דאַרף האַלטען דאָס יודישע פאלק אויף אַ וועג, וועלכער האט ניט זיינסגלייַכען, אויף דעם וועג פון גייסטיג אַבסאלוטקייט.

ס'פאַרשטייט זיך פון אַליין, אַז אַזוי ווי די היידישע מְרידה־מאַכערס האבען ניט קיין צוטרוי צו רעליגיעזע שיטות און כּנסיות, קענען זיי אויך ניט מַסכּים זיין אויף מִצוות מַעשׂיות און אויף סימבאלען. אויב זיי זענען פון די, וואָס ביי זיי גילטען אַפילו מֶעהר ניט קיין רעליגיעזע זכרונות און מאדעס אויך, קלאַפען און דער־קוטשען זיי פּשוט מיטן באַוואוסטען „פראסטען שׂכל" און ס'קומט זיי שוין אַ באַזונדערער יישר־כּוח פאַר זייער געלאַסענקייט, אַז זיי באַנוצען זיך דערביי נאר מיט אָנצוהערענישען, ווי לְמָשל: „מילא, גלייבען אין גאט . . . אבער האלטען פון פארימס . . ." אויב זיי פאַררעכענען זיך אבער צווישען די, וואָס נייטיגען זיך נאך אין רעליגיע אדער זיי נייטיגען זיך שוין אויפס־ניי אין איהר אָדער זיי זאָגען נאר, אַז זיי נייטיגען זיך — רעדען זיי שוין מיט מֶעהר צוריקגעהאַלטענקייט, פאַרמשפּטען זיי שוין מיט ווייניגער חוצפּה; דערציילען אונז עטליכע פון זיי, אַז אין אַ יעדער רעליגיע זענען אייגענטליך פאַראַן צוויי רעליגיעס: איינע אַ פאַרמאַלע, אַ נִראה, אַן אויף־דער־ערדיגע, און איינע אַ תּוכנדיגע, אַן אינה־נִראה, מִכּלומרשט אַן אונטער־דער־ערדיגע, און באַהאַלטען זיך גאָרניט מיט זייער אַנטיפּאַטיע אַקעגען דער ערשטער פון די צוויי רעליגיעס, אַקעגען דער פאַרמאַלער, וועלכע קומט אויס ביי זיי ווי אַ צונויפגעשיטע פון צוקרישעלטע חורבות. אַנדערע, קלענערע הַקדָנים, זוכען ניט ערשט קיין חילוקים, נאר גיבען אַרויס זייער פּסק־דין אָהן שום שהִיות, אַז פארימס מוזען זיך בייטען, אויב דער תּוכן — זייער אייגען באַקוועמקייט, הייסט עס, — פאַרלאַנגט דאָס צוליב דעם, וואָס דאָס לעבען אַליין האט זיך געביטען. ווידער אַנדערע, מִכּלומרשט די תּמימותדיגסטע צווישען זיי, פאָדערען, אַז צווישען די פאַרשיידענע פארימס און שיטות פון פארימס זאל זיך יעדער יָחיד מעגען אויסקלויבען די, וואָס זענען איהם בעסער געפעלען. און אַלע טַענהן זיי, אַז פרומקייט דאַרף זיין אינ'ם האַרצען פונ'ם מענטש און זיך אַרויסווייזען אין זיינע אויפטועז, ניט אין צערעמאניעס, וואָס אפט טראַכט מען אַפילו ניט בְּשעת מַעשׂה, צו וואָס זיי טויגען אדער מען איז גאָר אויסען זיך צו מאַכען פון זיי אַ הֶתּר אויף כָּלערליי זינד און שלעכטס. און זיי פאַררופען זיך אַפילו ביי דער דאזיגער טַענה אויף די גרויסע רעליגיעזע פערזענליכקייטען פון דער היסטאריע, בִּפרט אויך אויף די נְבִיאים, וועמענס צוואות זיי באַריהמען זיך אויסצופיהרען.

און פאַראַן יודען — קינדער פון דעם פאלק, פאַר וועלכען די תּורה איז קודם כָּל ניט קיין פארים, נאר אַ באַפעהל, מיט וועלכען גאט האט עס מְזַכּה געווען אויפ'ן באַרג סיני און האט איהם געבאטען, אַדורכצושפּאַרען זיך דורך די פעלקער ביחִידות און מיט גרויסע יִסורים ביז צום אַחרית הַיָמים; קינדער פון דעם פאלק, וואָס זיין תּורה־דיסציפּלין איז ביי איהם געווארען דער יְסוד פונ'ם רעליגיעזען לעבען פון מיליאָנען מיליאַסען יחידישע נְשָמות, וואָס דורך דער רעליגיעזער דיסציפּלין האט עס באַוויזען אַרויסצוברענגען זייער אַ סך גרויסע און קליינע מענטשען, וואָס גיין אַריבער די מענטשען פון די אומות הָעולם מיט זייער רעליגיעזען כּוח, מיט זייער דבֵקות און מיט זייער איבערגעגעבענקייט, מיט

זייער כשר תמימות און מיט זייער טיף פרומקייט, מיט זייער הייס התלהבות צו גאט, קינדער פון דעם פאלק, וואס מיט זיין דיסציפלין האט זיך איהם איינגעגעבען, צו מאכען פון זיינע גוטע נטיות גוטע מידות, וועלכע וועגען איבער זיינע שלעכטע מידות — דערמאנט אייך נאר אין דער אבסאלוטער אינעווייניגער אהבת שלום פונ'ם יוד און אין דעם, אז די אנדערע מיט זייערע שלום־מאכערישע טעאריעס און מיט זייער אמונה אהן מצוות מעשיות זענען קיינמאל ניט דערגאנגען צו אט דער מדרגה — פאראן קינדער פון אזא פאלק, מיינען זיי, זיי טארען חלילה קיינמאל ניט אויספעהלען צווישען די געגארטע, ווען די וועלט (די פארטעכנישטע, וואס איז גרייט, אנצונעמען אלדינגס צוליב וואס ס'מעג זיך איהר דאכטען, אז אט טאפט זי שוין אן דאס רוחניות מיט די הענט) נארט זיך; ווען זי לאזט זיך פארפיהרען פון די אלטע זיסע ריידאלעך, וואס גיבען זיך אויס אלץ איבער־א־נייס פאר מאדערן, און ווען זי מיינט, זי דארף נאר באווייזען, וואס קיינער לייקענט נישט, אז מיאוסע מענטשען זענען נוטה, שלעכט צו באנוצען זיך מיט די מצוות מעשיות און רעליגיעזע צערעמאניעס, האט זי דערמיט טאקי שוין א תרוץ אקעגען דעם גרויסען וויכטיגקייט פון א רעליגיעזער כלל־דיסציפלין פאר דעם תיקון פונ'ם יחיד. פאראן יודען, זעהן זיי נישט, אז דאס ניט קאנען פארשטייען דעם אמת, וואס איז באהאלטען אינ'ם מקיים זיין מצוות מעשיות און אין סימבאלען, ווייזט אן אויף א רעליגיעזען און אינטע־לעקטועלען אומכוח און אומזיכערקייט, אויף א מין בעל־בתיש באקוועמקייט — ס'גלוסט זיך ניט צו דינען דעם גאט, דעם אבסאלוטען, מיט אבסאלוטע מעשים — נאר לאזען זיך איינרעדען, אז דאס דאזיגע באקוועמקייט איז די גרעסטע רעוואלוציאנערע חכמה, אז רעליגיעזע אנארכיע איז א רעליגיעזער תיקון, און שטעלען זיך ארויס פאר דעם דאזיגען עקרדיגען געפלאפעל אין איינעם מיט די פלאפלערס, וואס האבען זיי דאס איינגערעדט. פאראן יודען, פיהלען זיי נישט, אז זיי זענען זיך אליין סותר דערמיט, וואס פון איין זייט שפעטען זיי אפ פון פארימס און פון דער אנדערער זייט מיינען זיי, אז דאס איבערבייטען די פארימס איז נייטיג און וויכטיג פאר דעם תוכן גופא. קומט זיי ניט אויס'ן געראנק, אז א זאך, וואס איז נייטיג און וויכטיג פאר אן אייביגען תוכן, טאר ניט זיין געווענדט אין פארהעלטעניששען פונ'ם לעבען, וואס האלטען אין איין בייטען זיך, נאר גלייך ווי דער אייביגער תוכן גופא און אין איינעם מיט איהם מוז זי זיך באנוצען מיט די דאזיגע פארד־העלטענישען, נייטען זיי צו דינען איהר. פאראן יודען, פארשטייען זיי ניט, אז ניט אין דעם, וואס זיי גייען זיך צומאל פונאנדער, דריקט זיך אויס דאס אמתדיגע שייכות פון גייסט צו פארים, נאר אין דעם, וואס זיי מוזען שטענדיג אנקומען איינס צום אנדערען; אז דער גייסט, אויב ער דארף זיך דורכשפארען, מוז צוברעכען א פארים נאר דעמעלט, ווען גאנצע גרופעס פון פעלקער ווערען פלוצלינג אוועקגעשטעלט פנים אל פנים אקעגען תוכנס, וואס פאר זיי זענען זיי ניי (אזוי ווי דאס האט געטראפען מיט די אייראפעאישע פעלקער דעמעלט, ווען זיי האבען געזאלט אננעמען יודישע אידעעס). פאראן יודען, מאכען זיי א וועזען דערפון, וואס שוואכע מענטשען — אמאל אויך איבערגעשראקענע און אויפגערעגטע צוליב די פליאטקעס פון די פארברענטע שונאים פון פארימס — זארגען זיך מעהר וועגען דער פארים און ווינציגער וועגען דעם גייסט; זעהן זיי ניט, אז פון

דערשטוועגן האט די פארים נאך קיינמאל ניט געהרגעט דעם גייסט, אויב נאר זיי נעמען זיך ביידע, ווי ביים יהדות, פון דעם איינענעם מקור און זענען לכתחילה אַ זיווג איינס פאַר'ן אַנדערען. פאַראַן יודען, לאזען זיי זיך פאַרמיאוסען די מצוות מעשיות פון מענטשען, וואָס ס'איז זיי גאָר אומטעגליך, צוליב זייער וועלטיש פאַרקרענקטקייט, צו זעהן דאָס וואולקאַנישע רעליגיעזקייט פין עהרליכע יודען; געפינען זיי ניט קיין ווערטער אַקעגען די, וועלכע שטעלען אַוועק די יודישע רעליגיע פאַר'ן ערשטען מוסטער פון אַ פארימס־רעליגיע, און מאַכען פין איהר חוזק אַז מיט איהרע דינים מאַכט זי שווער איטליכען טריט אינ'ם לעבען, רינגעלט זי אַרום אַפילו די אומוויכטיגסטע פּרטים אויפ'ן „לעבערליכסטען" שטייגער. פאַראַן יודען, זעהן זיי נישט, אַז דאָס, וואָס די טויזענטער פארמאַליטעטען פונ'ם טאָג־טעגליכען לעבען — אַפילו די משונהדיגסטע און משוגענסטע — זענען ביי זיי אָנגעלייגט און גראָד די פארימס, מיט וועלכע טיפע, ערענסטע, פאַר־בענקטע מענטשען באַנוצען זיך, כּדי דורך זיי עולה צו זיין און צו דערנעהנטערען זיך צו גאט, קומען אויס ביי זיי איבעריג — אַז דאָס שטאַמט נאר פון זייער פארמאַ־ליסטישען סארט טראַכטען, פיהלען זיי נישט, אַז אין תוך גענומען איז „לעבערליך" אַ ווארט, וואָס אַן אמתער יוד נעמט עס אַפילו ניט אין מויל אַריין און אין וועלכען ס'דריקט זיך נאר אויס דאָס אייגענערשנטע אום־סבלנות אַקעגען דעם אַנדערען מין מענטש, דאָס תמימותדיג אַכזריותדיגע לצנות אַקעגען אַלדינגס, וואָס שטערט די אייגענע קאַפּריזען, דאָס פאַרשפּילטקייט און קלות פון אַ וועלט, וואס האט נישט אָנגעהויבען איהר אַרבּיט מיט גאטס צדק ומשפט און גיט זיך ניט אָפּ קיין דין וחשבון פון איהרע מעשים. פאַראַן יודען, קאנען זיי ניט משיג זיין, אַז אינ'ם יהדות, וועמעס אינעווייניג איינקייט איז אַזוי שטאַרק, קאן ניט קומען אַ ליאַדי וואכען־מענטש, וואָס ס'גייט איהם באַשיימפּערליך נאר וועגען באַקוועמקייט און תכלית, און וועלען שפּילען די ראליע פון אַ רעפּארמאַטאר; נאר אַז דאָ זענען נאר מעגליך אַזוינע אויפטוען, וואָס ווערען אויפגעטון פון הייליגע מענטשען, שליחי ד' מיט אַ הייליג געטריישאַפט, מיט אַ הייליגען רצון, אויפצוהאַלטען דאָס גאַנצע אמונה־פאַרמעגען — אי דעם תוכן, אי די פארים — און מיט דער הסכמה פונ'ם גאַנצען פאלק עהרליכע יודען. פאַראַן יודען, מיינען זיי, אַז וואָס ס'האט זיך אַמאָל געפּאַסט פאַר די געטליכע גיבורים, די נביאים, פּאַסט זיך אויך היינט פאַר די פאַרשאלטענע, טרוקענע גאט־לייקענער און פאַר די צוקראכענע גאט־זוכער און גאט־טאקער; זעהן זיי נישט, אַז ס'איז אַ חילוק פון גרולים, געטליכע מענטשען, וואָס שטייען אויף דעמעלט, ווען ס'האט זיך צונויפגעקליבען צופיל בלאטע אינ'ם שטראָם־בעט פון דער אמונה און זענען מזהיר און דונערען אַקעגען דער בלאטיגער חרפּה, ביז קאַרליקעס פון יעדען טאָג, וואָס גראָבען נאך אונטער דעם ברעג דעמעלט, ווען ער איז סיי ווי סיי צוריקגעגאַנגען, און כאטש די פּעולה קאן נאר זיין, אַז דער שטראם וועט אין גאַנצען אויסגעטריקענט ווערען און טאַקי נאר די בלאטע וועט איבערבלייבען.

יא, אין גאַנצען האבען זיי זיך אַרויסגעגעבען, די יודישע נייע היידען, אין גאַנצען זיך אַרויסגעגעבען צו די היידישע מרידה־מאַכערס, אין גאַנצען אויסגעבראַכט זייער

בכורהדיג דעת, זייער התמדהדיג רחמים און זייער יחוסדיג תּפארת, געביטען זיי אויף דעם פוסטקייט, אויף דעם משונעת און אויף דעם עולם־הזה׳דיגקייט פון זייערע רבים. איך זעה זיי, די שטאַרק פאַרנומענע, ווי זיי קוקען מיט זייערע פוסטע אויגען פון אַ פוסטער נשמה אין אַ פוסטער וועלט אַריין, אין אַ וועלט, וואָס איז אויסגעלייזדיגט געוואָרען פון רוחניות: אַלע זענען נערוועזע שאָטענס אָהן גליק, סיי די, וואָס ציהען זייער חיונה פון בילדונג, סיי די, וואָס ציהען זי פון מסחר אדער אויסגעמישט פון ביידע. איך זעה זיי, ווי זיי האַלטען אין איין זוכען פרעמדע הייט, אין וועלכע זיי זאלען קאָנען אַריינקריכען, און אין איין נאָכיאָגען זיך כאַטש נאָך אַ שטיקעל פּרסום און חשיבות ביי דער וועלט. איך זעה, ווי ס׳בעל־בתעוועט צווישען זיי, רחמנא לצלן, די מגפה פון פאַבריקס־זשורנאַליסטישקייט און פון עקרדיגען ליטעראַטישקייט. איך זעה זיי אינ׳ם געשטאַלט פון צייטונגס־מאַזשגערס, באַוואוסטע און אומבאַוואוסטע, ווי זיי צולאָזען זיך אין זייערע בלעטער, און פון צייטונגס־לייענערס, ווי זיי קוועלען אָפּ דערפון. בכלל זעה איך זיי אומעדום, וואו מען האַמערט צו היידיש בלעך צו מוחות, ווי זיי זענען די ערגסטע האַמערערס און די געדולדיגסטע געהאַמערטע. איך זעה זיי, ווי זיי זענען גוט מיט אַ וואָלוועל גוטסקייט, וואָס לייגט ניט אַרויף קיין שום התחייבותען אויף זיי; ווי זיי זענען בעל־צדקה׳ס און די צדקה זייערע איז אַ מעכאַנישע, אַ וואויל־יונגישע און אַ קאַלטע; ווי זיי טרייבען זייערע אָרימע ברידער אין אַ מין גלות, וואָס פריהער, ביי יודישע יודען, איז עס ניט מעגליך געוועזן. איך זעה זיי אין זייער געזעלשאַפטליכקייט: אדער טרוקענע פאַרברענטע פּאָליטיקערס, אדער מאָדע־ און קונסט־פּאַיאַצען, אדער הולטאַיעס, אָנגענומען מיט׳ן ניוזשנעם ריח פון קאַפע־שאַנטאַנטען. איך זעה זיי, ווי זיי זענען איבערגעגעבען דער שיטה פון „נאר צוויי קינדער״ און אַנדערע אַזוינע היידישע שיטות.

אמת, ניט זיי אַלע און ניט אַלע גרופּעס זייערע האָבען אַ גלייכען חלק אין די אַלע פאַרדאָרבענקייטען און ניט אַלע זענען גלייך שטאַרק פאַרדאָרבען. און אמת אפילו, אַז ביי דעם רוב פון זיי האָבען זיך ווייטער געהאַלטען געוויסע מעלות, מיט מעהר ווייניגער שעמעוודיגקייט, און אַז אַנדערע מעלות האָבען זיך גענומען אויסוואַקסען אויף גאָר אַ באַזונדערען אופן און אין אַן איבערגעשפּאַנטער מאָס ביי וויכטיגע מענטשען, צוליב נייע אחריותען, וואָס זיי האָבען אויף זיך גענומען. נאר מיר דאַכט זיך פאָרט, אַז אין אַ פרעמדען תּהום ווערט מען לייכטער איינגעזונקען, ווי אין אַן אייגענעם, און אַז די אַלע יודישע נייע היידען האָבען איבערגעיאָגט זייערע רבים. על־כל־פּנים בלייבט ביי מיר ניט קיין שום ספק אין דעם, אַז איך קוק מיר אָן דעם מין אַרויסטרעט זייערען, דעם שטעל זייערען: בשעת יענע פאַרמאָגען נאָך אַ ביסעל פאָרים און סגנון פאַר זיך אַליין און פאַר דעם כלל, האָבען נאָך אַ ביסעל ישוב־הדעת און אַ ביסעל נאַטירליכען כּוח אויף צו שפּאָרען זיך, האָבען זיי דאָך ניט קיין חלק אינ׳ם שארית קאַפּיטאַל פון יענע און מעהר ניט קיין אייגען קאַפּיטאַל אויך, האָבען זיי דאָך אויסגעבראַכט זייער אייגענעם דרך־ארץ, זייער אייגען לייטישקייט, געבליבען, הייסט עס, אָהן אַ פּיצאַלע ישוב־הדעת — די פאַסקודנעסטע, די צולאָזטסטע, די צושויבערטסטע צווישען אַלע מרידה־קנאים.

וואָסער אַ גוטער וויץ פֿון דער היסטאָריע, וואָס די גוים זענען דורך דעם נאָך געוואָרן אין כּעס אויף זיי — אַפֿילו זייערע חבֿרים, די מורדה־מאַכערס, מכּל־שכּן די, וואָס קאָנען מעהר ניט מוותּר זיין דעם טראַפֿען יהדות, וועלכער איז אַריין אין דער נשמה פֿון די מערבֿ־פֿעלקער זינט צוויי־טויזענט יאָהר, און וואָס ווילען אָפּהיטען זייער קולטור, וועלכע איז באַפֿרוכפֿערט און גאַראַנטירט פֿון דעם טראָפֿען, אַקעגען דער היידישער רעאַקציע! און וואָסער אַ ניש־קשהדיגער פֿאַסטען איז׳ס לאַנגען חשבון פֿון די יודיש־היידישע עבֿירות, וואָס ס׳קומען דערנאָך מענטשען מיט עהרליכע פֿאַרענגטע מוחות אדער מיט הערצער פֿול שׂנאה און ניט קיין שרעקעוודיגע מכּוח שלעכטע מיטלען אדער גאָר מיט ענאַאיסטישע כּוונות, דער מלמדישער כּעס בייט זיך איבער אויף דער אַנטיסעמיטישער רוגזה און לויט ווי זיי דרינגען, קומט גאָר אויס, אַז זיי זענען די פֿאַרפֿיהרטע!

אַגבֿ אורחא — זאָל מען ניט מיינען, אַז מיט יודען־היידען מיין איך נאָר די אַזוי־אָנגערופֿענע אַסימילאַטאָרען. ביי מיר איז אַפֿילו קיין שום ספֿק ניט, אַז די, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו דער אידעע פֿון אַסימילאַציע אדער וואָס האָבען זי געדרשנט, וואָס האַלטען פֿאַר איהר באַוואוסטזיניג אדער אומבאַוואוסטזיניג, זענען אַלע יודען־היידען, און אַז ס׳מאַכט דערביי ניט אויס, אויף ווי ווייט ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבען אָנצונעמען אַ געוויסען פֿרעמדען נאַציאָנאַלען טיפּ: אַסימילאַציע איז דאָך דאָס אייגענע ווי „עמאַנציפּאַציע“, נאָר אָנגעקוקט פֿון דער אַנדערער זייט, און ביידע אין איינעם זענען דאָך דער ערשטער און אַמתדיגסטער פּועל־יוצא פֿון דער יודיש־היידישער מרידה. נאָר פֿון דעסטוועגען לאָז איך מיר ניט איינרעדען, אַז נאָר אַן אַסימילאַטאָר קאָן זיין אַ יוד אַ הייד. אָפּגעזאָגט זיך פֿונ׳ם הוילען אַנערקענונגס־נאַציאָנאַליזם און דערגאַנגען צו דער תּבֿיעה פֿון עצם־יודישקייט — קודם פֿונ׳ם וועלטליכען, דערנאָך פֿונ׳ם רעליגיעזען — האָב איך סוף כּל סוף געמוזט געוואָהר ווערען, אַז דאָרטען, וואו דאָס עצם־יודישקייט האַלט אין אָפּגעשוואַכט ווערען און אויסלאָזען זיך, קען מען עס אויך נישט ראַטעווען נאָר דערמיט, וואָס מען זאָגט זיך אָרוים פֿאַר׳ן יודישען נאַציאָנאַליזם. איך לייקען נישט, אַז די יודישע נאַציאָנאַליסטען קומט אַ יישר־כּוח דערפֿאַר, וואָס זיי האָבען אויפֿגעהערט, זיך אַוועקצושפּאַרען פֿונ׳ם יודישען כּלל און ווילען בעסער בלייבען ביי איהם, און נאָך אַ גרעסערער יישר־כּוח דערפֿאַר, וואָס זיי האָבען אַוועקגעשטעלט דעם פֿאַקט פֿונ׳ם יודישען פֿאָלקשאַפֿט אַזוי בולט, אַז ס׳איז שוין ניט מעגליך, איהם מבֿטל צו זיין, פֿאַררופֿענדיג זיך אויף דער אמונה מיט שקרדיגע און אַבסורדע טענות. איך בין מודה, אַז זייער וויכטיגסטע צילען האָבען אַ ממשותדיגען תּוכן און אויף אַ טייל בין איך אַפֿילו מסכּים. איך בין מודה, אַז זיי האָבען דעם בעסטען ווילען און — ביי דעם צונויפֿנעמען אַזוי פֿיל ווילענס קאָן גאָר נישט אַנדערשט זיין — אַז זיי באַ־וויזען אַ גרויסען כּוח, וועלכער האָט אַמאָל גוטע פּעולות אויך, אָבער בנוגע צו דער שאלת כּל השאלות, צו דער תּוך־פֿראַגע „גאָט און די וועלט“, זעה איך ניט, מיט וואָס זיי זענען בעסער פֿון די אַסימילאַטאָרען, וועלכע זיי פֿאַרמשפּטען אַזוי שאַרף. איך פֿיהל דעם רוח המרידה אין זייערע אַלע תּנועות, אין זייערע אַלע ווערטער. איך זעה, אַז זייער גוסט, זייער מוסר און זייער גייסט גיין אויף די אייגענע היידיש־מרידישע גאַנג־

וועגאַלעך, אויף וועלכע ס׳גייען יענע. איך זעה, כאָטש זיי שפּילען אין סגנונס בזעת
אפּיהם, אַז ס׳פעהלט זיי דער אמתער סגנון פּונקט ווי ער פעהלט יענע, אַז זיי זענען
פּינקט ווי יענע גרייט צו איטליכען מאָדע אוּן קונסט־פּאָזיציזם, צוגענרייט צו איטליכען
אירעען־יריד, אין יעדער רגע נוטה צו דעם אַלטען נאַרישען עקרהדיגען פאַבריקס־
זשורנאַליסטישקייט אין ליטעראַטישען אינטעלקייט, שוואַך אַקענען דער ירידה פונ׳ם
יודישען כלל־געפיהל און פון דער יודישער דיסציפּלין־אידעע. איך ווער נישט נתפּעל
פון דעם ביסעל עקשנות, וואָס זיי ווייזען אַרויס צוליב דעמאָנסטראַציע. איך זעה
באַשיימפּערליך, אַז זיי יאָגען זיך אויך, נושא חן צו זיין ביי די אַנדערע, אַז זיי גיבען
זיך אויך אונטער אַ פּרעמדער הסכּמה, אַז זיי שניידען אויך צו דאָס יהדות לויט ווי די
אַנדערע ווילען. און איך זעה, אַז אין זייערע חלומות, בענקשאַפטען און תּביעות זענען
זיי די אייגענע היידישע מרידה־מאַכערס ווי אין זייערווירקליך לעבען. איך זעה, אַז
זיי סטאַרען זיך, איבערצומאַכען דאָס פאלק, וואָס זוכט די וועלט דורך גאָט, צו מאַכען
עס פאַר אַ פאלק, וואָס זאָל גיין דעם פאַרקעהרטען גאַנג. איך זעה, אַז אַנערקענען
דאָס יודישע פאלקשאַפט הייסט ביי זיי נאָר אַנערקענען אַ באַזונדערען יודישען נאַצי־
נאַלען קאָליר אָדער באַזונדערע יודישע נאַציאָנאַלע מאַכט־תּביעות. אין איינעם מיט די
אַנדערע נאַציאָנאַלע קאָלירען און מאַכט־תּביעות בתוך פון דעם גוטען אָדער שלעכטען
אייראָפּעאישקייט און אַז דאָס גאָטס־פאלקשאַפט גופא קומט זיי גאָר ניט איינ׳ן זינען
אַרויף. און ווען ס׳זעהט שוין יא אַמאָל אויס, גלייך ס׳וואָלט זיך ביי זיי באַוויזען אַ
זכר דערפון, זעה איך, אַז אויך דעמעלט פעהלט זיי דער אמתער קוראַזש צו גאָט, דאָס
געפיהל, וואָסער אַ חסד פון גאָט ס׳איז באַהאַלטען אינ׳ם בשותּפותדיגען ערבות פון אַלע
יודישע מאמינים, און דער שטאָלץ פון הכּנעה, אַז במקום אלה באַהעפט זיך צו זיי דאָס
קאָקעטנע גאָט־זוכעריי אָדער גאָט־טאָקעריי. איך זעה, אַז זייער א״י־ישראל, לויט ווי זיי
פאָדערען עס און לויט ווי זיי בענקען נאָך איהם, איז ניט דאָס ארץ־ישראל, וואָס גאָט
האָט געגעבען זיין פאלק, כּדי ס׳זאָל דאָרטען לעבען פאַר איהם, נאָר פּשוט אַ היס־
טאָרישע היים, וואָס מען דאַרף זי באַקומען איבער־אַ־נייס, כּדי צו לעבען דאָרטען אַ
נאַציאָנאַל לעבען, „מיט פעלקער גלייך“. איך זעה, אַז זיי זענען פאַרברענטע חובבי
שפת עבר נישט דערפאַר, ווייל העברעאיש איז דאָס לשון, וואָס אין איהם איז געשריבען
געוואָרען די תּורה הקדושה, און וואָס עס האָט די זכי׳, אויסצודריקען דעם פּאַטאָס פין
אייביגקייט, נאָר דער עיקר דערפאַר, ווייל עס איז דאָס לשון פונ׳ם העברעאישען פאלק.
איך זעה, אַז זיי שטרעבען צו נאַציאָנאַלע רעכט און צו דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין
די גלות־לענדער נישט דערפאַר, ווייל זיי ווילען זיך דערמיט פאַרשאַפען דאָס מעגליכקייט,
צו לעבען אין דער תּורה־קולטור, טאַקי ווי גאָטס פאלק, נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווילען
זיך דערמיט איינאָרדענען לויט דער לעצטער אייראָפּעאישער מאָדע. און איך מיין, אַז
אויפטוען און פּועל־יוצא׳ס, וואָס קומען אַרויס פון אַזעלכע פאַרלאַנגען, תּביעות אין
פאַקטען — ווי וויכטיג זיי זאָלען ניט זיין בנוגע צו זייער כּמות און זייער מהות —
קאָנען קיינמאָל ניט זיין צוגעפּאַסט צו דעם עצם היהדות, קאָנען מיט זיך קיינמאָל ניט

פֿאָרשטעלען אַ יודישען תּיקון, מיט זײ קאַן גאָרניט מְקוים װערען נאָר אַ הײַדיש מְרידהלע אויף אַ מְכלומרשט יודישען שטײַגער.

נאָר זאָל מען אויך ניט מײנען, אַז איך פֿאַררעכען נאָר די נאַציאָנאַלע יודען פֿון מַערבֿ צווישען די הײַדישע מְרידה־מאַכערס, און די נאַציאָנאַלע יודען פֿון מִזרח נישט. איך אַנערקען זײ בְּנוגֵע צו אַלע זאַכען, בְּנוגֵע צו װעלכע איך אַנערקען יענע. און איך בין מודה נאָך אַ סך: איך בײג מיך קודם כָּל פֿאַר די גרויסע העברעאישע און יודישע דיכטער, כאָטש איך װײס, אַז זײערע װערק װאָלטען גאָר אַנדערשט אויסגעזעהן, װי זײ זעהן אויס — הֵן מִכּוח פּאָרים, הֵן מִכּוח תּוכן — װאָלטען װייט געװען פֿון אַלע אײראָפּעאישע מוסטערס, אויב זײ, די דיכטער, װאָלטען נאָך געװען יודען מיט אַ טיפֿער דבֿיקותדיגער אֶמונה אין גאָט און מיט אַ שטאַרקער, הײסער הַסכָּמה אויף דער גראַנדיאָזער יודישער רעליגיעזער דיסציפּלין: פּאָרט זיך באַװײזען אין זײערע בעסטע שאַפֿונגען זײער גאָטס־פֿאָלקישער שורש, פֿון װעלכען זײ קומען אַרויס. איך האַלט, פּונקט אַזוי װי פֿריִהער, אַז די מעהר נײַע נאַציאָנאַליסטען פֿון מִזרח האָבען זיך פֿאַרדינט אַ יישר־כּוח דערמיט, װאָס זײ האָבען זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער סתּירהדיגער אַלטער נאַציאָנאַליסטישער מעטאָדע, צו פֿאַרהײליגען דאָס יודישע פֿאָלקשאַפֿט, פֿון װעלכען מען האָט נאָר װאָס אַרויסגענומען די אײגענטליכע יודישע קְדושה, מיט אַ שפּאָגעל־נײער פּראָסט־װעלטישער קְדושה, אַװעקצושטעלען דעם נאַציאָנאַליזם אויף דעם יְסוד פֿון אַן עָבר און פֿון אַן עָתיד, װאָס ער פֿאַרלײקענט זײ אַלײן, און קאַן גאָר ניט אַנדערשט, נאָר זײ פֿאַרלײקענען. איך בין מודה, אַז די דאָזיגע יודישע פֿאָלקיסטען גײען נישט נאָך קײן אידעאַלען, װעלכע זײ זענען פּותר אויף אַ נאַציאָנאַליסטישען שטײגער, נאָר זײ זוכען טאַקי די נְשָמה פֿונ׳ם יודישען פֿאָלק, און װאָס שײך צו מאַטעריעלע זאַכען, בין איך מַסכּים אויף דעם רובֿ פֿון זײערע פֿאָדערונגען. איך בין אויך מודה, אַז די יודישע נאַציאָנאַליסטען פֿון מִזרח — אֶפשר חוץ די קאַלטע ברואים, בײ װעלכע דאָס פֿאָלקס־באַזונדערקײט איז מעהר ניט נאָר אַ פֿאַקט פֿון גרופּירונג — האַלטען צוריק זײערע חסידים אינ׳ם רְשות פֿונ׳ם יודישען פֿאָלק און גיבען זײ דורך דעם דאָס מעגליכקײט צו אַ שפּעטערדיגען אומקעהרען זיך אֶפשר אויף זײער פֿאָלקס ערשטען און אײנ־אײנציגען װעג. נאָר פֿון דער אַנדערער זײט פֿיהל איך דאָך, אַז צוליב דעם, װאָס זײ האָבען אַזױפֿיל מעגליכקײטען, מַשפּיע צו זײן אויף די גרויסע פּרומע מאַסען, זענען זײ אַ גרעסערע סכָּנה פֿון זײערע חַבֵרים אין מַערבֿ. איך זעה אויך, צום באַדויערען, אַז זײ זענען איבערגעגעבען צו די אײגענע, גאָר ניט פֿרײליכע געװאוינונגען, די אײגענע פֿאַר־בלענדענישען, די אײגענע פּוסטקײטען, װי יענע — נאָר װאָס זײ, די תַּלמידים, באַגײען זיך דערבײ אַ סך אומגעלומפּערטער. איך זעה, װי זײ זענען זיך מִתוַכֵּחַ, װי זײ פּאָלי־טיזירען, װי זײ האַקען זיך אײנס דאָס אַנדערע אין כָּלערלײ פּאַרטײען און פּאַרטײעלעך, װאָס זײ האָבען זיך באַשאַפֿען צו דעם דאָזיגען צװעק, און װאָס מאָדערנער, מאַטעריאַ־ליסטישער, „ראַדיקאַלער" זײ זענען, אַלץ צוװידערטער זענען זײערע מוחות, אַלץ ענגער זײערע האָריזאָנטען. איך זעה זײ אין די באַרס פֿון װאַרשע און פֿון נויאָרק: די פּראָסטערע אָפּבילדער, װאָס זײ האָבען זיך באַשאַפֿען פֿון די קאַפֿעס פֿון װין און פֿון

בערלין. איך זע, ווי זיי אײַנראַפּעווען אויף דעם משונהדיק קאָמישטען אופן. און פּונקט ווי אין זייערע שלעכטע מידות געזען איך די גראָבע שטריכען פון דער הײַנדישער מרידה אויך אין דעם, וואָס זיי מיינען און וואָס זיי ווילען. איך זע, אַז ניט דערגייענדיג ביז'ן תּוכן פון דער יודישער נשמה, בלייבען זיי באַהעפט אין ווינציגע אייניציגע מאַניפעסטאַציעס און אומוויכטיגע פּעולות פון איהר, און אַז ניט נאָר זיי ווילען ניט וויסען פון דער פאַרביטענער קדושה פונ'ם יודישען פאָלקשאַפט, נאָר זיי ווייסען טאַקי אויך נישט פון זיין אמתער קדושה. איך פיהל אויך — אַזוי ווי דער הווה איז דאָך לכל הפּחות ניט ווייניגער צל עובר פונ'ם עבר און פונ'ם עתיד — אַז זייערע נאַציאָנאַלע קולטור־שטרעבונגען זענען אין גאַנצען געווענדט אין דערוויליגע קאָלירען און ניט אין אַן אייביגען תּוכן. איך זע, אַז אויך זיי שטרעבען מיט זייערע אויטאָנאָמיעס נאָר צו וועלטישקייטען און אַז די דאָזיגע וועלטישקייטען קומט סוף כּל סוף נישט קיין כּוח הרוחניות דערפון, וואָס זיי פאַרמאַסקירען זיי נישט אויף אידעאַלען. איך זע, אַז דאָס, וואָס זיי האַלטען מלחמה פאַר דער יודישער שפּראַך — און דווקא מיט גרויס קוראַזש און מיט אַ סך פּעולה — איז עס אויך ניט צוליב דעם, ווייל זי אַרבּיט מיט איהר גשמיות פאַר דעם רוחניות, נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל זי איז אַ נאַציאָנאַל געצייג, ווי די שפּראַכען פון אַנדערע פעלקער. און איך דרינג דערפון, אַז אפילו מיט די גרעסטע פּעולות קאָנען אויך זיי ניט אַרויסברענגען, נאָר הײַנדישע מרידות אויף אַ מכלומרשט יודישען שטייגער.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז געקומען צון אַזוינע מיינונגען, בין איך ווייט דערפון, כ'זאָל מיך אַליין ווילען נאַרען ווענען דער גבורה, צו וועלכער ס'איז ממילא אויסגעוואַקסען די יודיש־הײַנדישע מחנה, בפרט, אַז איך זע, ווי צו די בולטע און באַוואוסטזיניגע אַסימילאַטאָרען און נאַציאָנאַליסטען איז ממילא צוגעקומען די גרויסע מאַסע פון די באַהאַלטענע, און ניט באַוואוסטזיניגע אַסימילאַטאָרען און נאַציאָנאַליסטען. פאַר מיר איז קלאָר: אין מערב געפינען זיך אַלע יודען — טייל מיט זייער ווילען, טייל בעל כּרחם, טייל וויסענדיג, טייל ניט וויסענדיג — אויף פאַרשידענע מדרגות פון אַ פּראָגרעסיווען און לפי רוב אויך פון אַ פּראָגרעסירטען פאַרהײַנדישט ווערען. אבער אויך פון דער גרויסער יודישער מאַסע פונ'ם אַלטען שניט אין מזרח ברעקעלט זיך אָפּ אין אַ גענוג שטאַרקער מאָס — אַ דאַנק דער ר״אַ, וואָס זי לערענט זיך אָפּ פון די מערבדיגע און הײַמישע יודען־הײַדען און אַ דאַנק דער אַגיטאַציע, וואָס די דאָזיגע מאַכען צווישען זיי אויף פאַרשידענע אופנים. אַלץ איבער־אַ־ניים בייטען אוים יודישע יודען זייער סגנון, די ניט־איבערגעהאַקטע שורה פון זייער לעבען, דאָס אייגענע שיינקייט זייערס אויף פּוסטקייט, צולאַזטקייט און המוגעדיגקייט, זייער גרויסע, ־שיינע און נושׂא־פּירותדיגע מורא פאַר דער עבירה אויף די פּוסטע תּענוגים פון די מאָדערנע בבלם. אַלץ איבער־אַ־ניים ווערען צוואווייקט דאָס אויסגעהאַלטענקייט, דאָס אײַנקייט און די דיס־ציפּלין פון זייער יודישען גייסט, אַלץ איבער־אַ־ניים שווימען אַרויף נייע בעלנים אויף דעם כּבוד, צו לאָזען זיך אַרויסרייסען דעם לעבעדיגען גאָט פונ'ם האַרצען און אַריינ־געבען אויף זיין אָרט שטיקלעך און פּיצלעך און פּרטימלעך פון וויסענשאַפט, סענטי־

מענטאַלע שְקָרים און פּאָליטישע מליצות ,צו לאָזען זיך אַרויספיהרען פונ׳ם „פאַרחוֹשכטען גערטא" אין דער „ליכטיגער ציוויליזאַציע".

גאָטס פאָלק

נאָר ווי שווער און ווי טרויעריג די דאָזיגע דראַמע פון אָפּטריניגקייט זאָל ניט זיין, אומעטיג מאַכען קאָן זי מיך פאָרט נאָר אויף אַ רֶגע. זי קאָן ביי מיר ניט צונעמען דאָס געפיהל פון דעם רֵיח פון אייביגקייט, וואָס טראָגט זיך איבער מיין פאָלק, נישט צונעמען ביי מיר דעם בִטָחון, אַז די פֶּעֲדים, וואָס ציהן זיך — אַדורך דורך זיין עלענטקייט — פונ׳ם אייביגקייט אַריין אינ׳ם עולם הַזֶה — אַריבער איבער זיין וועג פון גאָט צו די מענטשען, און וואָס ביז אַהער זענען זיי קיינמאָל ניט איבערגעריסען געוואָרען און אַפילו פאַרפּלאָנטערט האָבען זיי זיך אויך כּמעט קיינמאָל נישט, — וועלען אויך ווייטער קיינמאָל נישט איבערגעריסען ווערען, וואָרין אין תוֹך גענומען, וואָס באַטייטען די אַלע יודען־הייִדען — אַסימילאַנטען, נאַציאָנאַליסטען, מַערבֿ־יודען און דאָס מִזרח־יודישע ברעקלעכץ — אַקעגען דעם גרויסען האָפענונג, וואָס גאָט האָט אַוועקגעשטעלט אַזוי בולט פאַר מיר אין פאַר יעֶדערען, וועלכער וויל נאָר זעהן, אַקעגען די גרויסע מאַסען פון עֶהרליכע יודען אין מִזרח? *)

מִצַד די נאַציאָנאַליסטען איז מען אַפילו ברוגז אויף מיר וועגען מיין איינטיילונג מַערבֿ־יודען און מִזרח־יודען, בּפרט זינט איך האָב געדרונגען דערפון, וואָס מען קאָן נאָר דערפון דרינגען. מען האָט דאַרטען ניט געוואָלט הֶערען, ווען איך האָב מיך אַרויסגעזאָגט, אַז מיר קומט גאָרניט אויף דער מַחשָבה, צו וועלען אויסדריקען מיט דעם דאָזיגען איינטיילונג דעם גאַנצען הֵיפוך, וועלכען איך מיין, נאָר אַז איך האַלט עס פאַר׳ן בעסטען מיטעל, צו באַוואָרענען זיך פון אַ שלעכט אָפּשאַצען די פאַקטישע כּמותען פון פאַרשידענע כּוחות. מען האָט ניט געוואָלט פאַרשטיין, אַז דאָס איינטיילונג ריהרט ניט אָן די אידעֶעס פונ׳ם יודישען אייניקייט, פונ׳ם יודישען כּלל, נאָר אַז איך בין דערצו געקומען גראָד צוליב די טיפסטע שַייכותען און באַדערפעניש פונ׳ם כּלל ישׂרָאֵל, אַז איך האָב מיר אַרויסגעקליבען די מִזרח־יודען נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען דאָס, וואָס די מַערבֿ־יודען זענען ניט: כּלל־יודישע פאָלקס־מענטשען. די נאַציאָנאַלע דאָקטרינאַרען — וואָס ס׳דאַכט זיך זיי אויס, אַז זייער עַקשָנות הייסט פאַרשטיין דאָס צונויפ־

---

*) אפילו אז מען שאצט אפ גאר פארזיכטיג, קומט אויס, אז ס׳זענען פאראן פיר מאל אזויפיל פרומע מזרח־יודען, ווי היידישע יודען. און אויב מען נעמט נאך די יודען פון די ארצות הקדם (דער עיקר אין די מחמדאנישע לענדער) און שטעלט זיי צו צו די אייגענטליכע מזרח־יודען (מזרח־אייראפעאישע יודען אין זייערע היים־לענדער און אויף נייע ערטער), צו וועלכע מען קאן זיי נישט פארגלייכען, ניט מכוח צאהל און ניט מכוח וויכטיגקייט, נאר וואס זיי זענען אויך געבליבען אן אמונה־פאלק — ווערט לפי ערך נאך קלענער די צאהל פון די היידישע יודען.

געבונדענקייט פון די דורות — זענען אויפגעשטאַנען אַקעגן מיר און ניטאָ די מינוט, וואָס זיי זאָלן ניט זיין גרייט דערצו איבער־אַ־נייס. נאר איך גיי ניט אַראָפּ פון מיין איינשטעלונג. וואָס איך האב געמיינט מיט איהם, מיין איך ווייטער, נישט מעהר, און ווייניגער אַוודאי נישט — זינט איך האב אָנגעהויבען מַשיג צו זיין, אַז דער חילוק פון די ביידע מַחנות איז ניט נאר דאָס, וואָס די איינע מַחנה פאַרמאָג ניט קיין פאַרימס פון אַ נאַציאָנאַל לעבען און די אַנדערע מַחנה פאַרמאָג זיי יא, נאר אין תּוך גענומען, וואָס די יודען פון דער איינער מַחנה זענען שוין מעהר ווייניגער פאַרהיידישט געוואָרען און די יודען פין דער אַנדערער מַחנה גיבען זיך ווייטער אונטער דער אַלטער תּורה־דיסציפּלין; זינט איך ווייס, אַז די מַערבֿ־יודען, אין איינעם מיט די מִזרחדיגע אינטעליגענטען, וואָס האבען זיך צוגעטשעפּעט צו זיי, דרייען זיך אויפ׳ן הײדישען עולם־התּוהו, בְּשַעת די מִזרח־יודען האבען זיך געהאַלטען ווייט פין דעם שיכּרות פון די הײדישע „איינקלעך" און זענען נאך אַלץ דאָס אויסדערוויילטע פאלק, וואָס טרעט אַריין אין דער וועלט מיט זיין גאָט, וואָס ניט מיט גוטען און ניט מיט שלעכטען, ניט מיט געשפּעט און ניט מיט זידלעריי לאזט זיך עס אַראָפּפיהרען פון זיין וועג, נאר גייט צווישען די מְהומותדיגע פעלקער, ווי ס׳איז תָּמיד געגאַנגען, עלענט און גרויס, וואָס פאַרשטייט זיין אייגען שטיל גרויסקייט, היט אָפּ זיין אינעווייניגען כָּבוד, לעבט זיך זיין לעבען און בעט קיינעם ניט מְחילה דערפאַר. און אויב איך רוף דאָ אָן די היפּוכים לויט זייערע תּוכנס, אויב איך רעד וועגען מאַסען עהרליכע יודען פון איין זייט און וועגען יודען־הײדען אדער יודיש־הײדישע מְרידה־מאַכערס פון דער אַנדערער זייט, באַנוץ איך מיך מיט די דאזיגע ווערטער בלויז דערפאַר, ווייל דאָ גייט מיר נאר אין דעם תּוכן, ווייל דאָ איז מיר נאר וויכטיג אונטערצושטרייכען דאָס גאטס־פאלקשאַפט פון יודען. דערביי ווייס איך וואויל, וואו ס׳געפינען זיך די גרעסטע כּוחות און וואו די קלענערע, און אין דעם, וואָס איך ווייס, קאן ניט ריהרען, אפילו אויף קיין רגע ניט, ניט דאָס הײדיש־יודישע ברעקלעכץ אין מִזרח, ניט די מַערבֿ־יודישע ארטאדאקסען, (וואָס פאַרדינען צוליב זייער קוראַזש, מען זאל זיך באַציהן צו זיי מיט דֶרך־אֶרץ, נאר צום באַדויערען פאַרגעסען זיי אין דער לעצטער צייט, אַז זיי, די אָפּגעריסענע פונ׳ם רובֿ בִּנין וְרובֿ מִנין פונ׳ם יודישען אֻמוּנה־פאלק, קומט ניט צו זיין קיין אַפּיטרופּסים איבער איהם, און אַז זיי טאָרען ניט וועלען

מאַכען עס פאַר אַזוינע קַבצָנים ווי זיי זענען אַליין).

אויב מען ווייזט מיר אָבער אָן אויף דעם ברעקלעכץ צווישען די מִזרח־יודישע מאַסען ווי אויף אַ הֶמשך פונ׳ם מַערבֿ־יודישען גורל, ווי אויף אַ פאַמעלעכדיגען חורבן, וואָס ס׳איז פונ׳ם אַלטען יַהדות ניטאָ קיין מיטעל איהם איינצוהאַלטען, וּבִפרַט, אויב מען וויל מיר ווייזען — מיט יענעם מין ווייכען און רַחמָנותדיגען שמייכעל, וועלכער באַווייזט זיך נאר אויף מאדערנע פּנימער — אַז דאָ טוט זיך פּשוט (טאַקי זייער פּשוט!) מעהר ניט אַן עפּיזאד, אַ פאַרשפּעטיגטער אַ ביסעל אינ׳ם אַנטוויקעלונג פונ׳ם מענטשליכען כּלל (דאָס וואָס איז ניחא געוועזן די אַנדערע מענטשען פונ׳ם מַערבֿ וּבִפרַט אויך די מַערבֿ־יודען, מוז אויך זיין ניחא די מִזרח־יודען), בין איך ווייט דערפון, אָנצונעמען די דאזיגע אָנווייזונגען און ווייזונגען אָהן אַן ענפער. די מַעשה פון דער איבערגעקעהרטער

װעלט — אַנטדעקונגען, ערפֿינדונגען, װעלט־פֿאַרקער, קאַפּיטאַליזם, אינדוסטריאַליזם, סאָציאַליזם, פֿרײַער גײַסט — װאָס ס׳איז גאָר שױן אוממעגליך, אַז די אַלטע יודישע אינזעל מיט איהרע הינטערשטעליגע עקאָנאָמישע און קולטור־פֿאָרמס זאָל נאָך װײַטער האָבען אַ קיום אין איהר, מאַכט פּונקט אַזאַ קלײנעם רושם אויף מיר װי דאָס באַװוסטע ראָד פֿון דער היסטאָריע, װאָס מען קאָן עס, כּידוע, נישט דרײען צוריק. איך בין מודה נאָר אָהן בושה, אַז כ׳האָב בכּלל ניט קײן צוטרוי צו דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון היסטאָריע, װעלכע איז זיך סומך אויף אַנאַלאָגיעס, און אַז איך האָב אַפֿילו ניט קײן פּיצאַלע דרך־אֶרץ פֿאַר דער טעאָריע, װאָס װיל אונז אײַנרעדען, אַז די היסטאָריע גײט נאָר לויט װי די טעכניש־עקאָנאָמישע צרכים הײסען זי גײן. איך קאָן בשום אופן ניט משיג זײַן, פֿאַרװאָס די מענטשען — כאָטש זײ לערענען זיך אויס װאָס אַמאָל מעהר און מעהר צו געװעלטיגען איבער דער אויסענװײניגער נאַטור — זאָלען אַלץ מוזען אָנקומען צו נײַע פֿאַקטען פֿון עקאָנאָמיע און פֿאַרקעהר, זאָלען זיך אַלץ פֿון אָט די פֿאַקטען מוזען לאָזען װײַזען דעם װעג פֿאַר זײער אינעװײניג און רוחניותדיג לעבען. אַדרבּא, בײ מיר איז קלאָר, אַז אַלע טעכנישע זאַכען זענען פֿאַראַן אויף דער װעלט, נאָר כּדי צו דינען דעם מענטשען און אַז דער מענטש דאַרף זיך באַנוצען מיט זײ, כּדי מגשם צו זײַן די אידעען פֿון זײַנע גײַסטיגע קבוצים און פֿון זײַנע געזעלשאַפֿטליכע פֿאַרבינדונגען. איך רעכען אויך, אַז באַלד אָדער שפּעטער װעט ער שטרעבען צו מאַכען אַ סוף צו דער סכּנה, װאָס דאָס פּראָסטע װעלטישקײט האָט אָנגעטראָגען אויף דעם מעהר פֿײנעם און רוחניותדיגען װעלטישקײט זײַנעם און אויף זײַן רוחניותדיגקײט גופא. בנוגע צום יודישען פֿאָלק אָבער איז בײ מיר ניט קײן שום ספק, אַז דאָס דאָזיגע שטרעבען אַרבּיט אין איהם שױן זינט די עלטסטע צײַטען און װעט קײנמאָל ניט אויפֿהערען צו אַרבּיטען. איך זעה, װיפֿיל ס׳זאָל זיך ניט אָפּרײסען צו ביסלעך פֿונ׳ם יודישען פֿאָלק, װיפֿיל גאַנצע גרופּעס זײַנע ס׳זאָלען ניט פֿאַרשװאונדען װערען, װי שטאַרק ס׳זאָל זיך אין דעם ניט באַװײַזען זײַן בּשׂר־ודמעדיג שװאַכקײט — ס׳װאַקסט פֿאָרט אויס אַלץ איבער־אַ־נײַס אַ שטאַרקע יודישע מחנה, װאָס װײסט, װאָסער אַן אַחריות ס׳ליגט אויף איהר, און װאָס ראַטעװעט דעם כּבוד און דאָס אײביגקײט פֿונ׳ם יודישען פֿאָלק. און איך זעה, אַז הײַנט זענען עס די מזרח־יודען די, װאָס שטעלען פֿאָר מיט זיך אַזאַ מחנה. דער־עיקר נאָך געזונטע, צװישען די הײַנטיגע בלי־מנוחהדיגע און בלי־נאמנותדיגע פֿאַרקעהרס־מענטשען די אײנציגע, װעמעס אויגען ס׳זענען געװענדט צום אײביגקײט, װאָס פֿאַרמאָגען גאָר אַן אײגענעם סגנון, װאָס גרעניצען זיך אָפּ מיט בולטע גרעניצען, װאָס לאָזען ניט צו די װעלט צו נאָהנט צו זיך, װאָס אונטער זײ שטײט גאָטס גרויסקײט און אין זיך האָבען זײ פּאַטאָס — װעלען זײ אויך װײַטער ניט װעלען זיך מקריב זײַן פֿאַר דעם װעלט־גולם, װעלען זײ װײַטער ניט װעלען מקריב זײַן זײער הײליגסטען און אײנציגסטען אוצר — זײער לעבען, װי גאָט האָט געבאָטען — פֿאַר די „דערגרײכונגען פֿון דער נײַער צײַט“, װעלען זײ װײַטער בלײַבען דאָס פֿאָלק, װאָס דער יחיד ומיוחד האָט עס געפֿאָרמט נאָך זײַן רצון, און װעלען זײ װאָס אַמאָל מעהר זיך אויסלערנען, צו אַרבּיטען מיט עקאָנאָמיש־טעכנישע געצײַגען פֿאַר זיך און פֿאַר זײער גאָטס־פֿאָלקשאַפֿט.

אויב מען ווייזט מיר אבער אָן דערויף, אַז אין איינעם מיט זייער געטריישאַפט צו יודישקייט האט זיך ביז־אַהער שטענדיג באַוויזען אַ שווערער עקאנאמישער מַצב פון די מאַסען, אַ מוראדיג ניט קענען העלפען זיך און אַ וואָס אַמאָל מער מוזען אָנקומען צו זייערע שׂונאים, די יודען־היידען פון אַלע מַחנות, גרופּעס און ניואַנסען, ד״ה די סַכָּנה פון פּאַרוויאַנעט ווערען אדער אויסגעטריי ווערען, און אַז ביז־אַהער האבען זיי אַפילו ניט געפּרווט צו באַנוצען זיך מיט די דערמאַנטע געצייגען — בין איך אַפילו מודה אויף דעם פאַקט גופא, אבער איך לייקען דאָס, וואָס מען דרינגט פון איהם. איך לייקען, אַז ס׳איז פאַראַן אַן אינעווייניג שייכות צווישען זייער געטריישאַפט צו יודישקייט און צווישען זייער שוואַכקייט. בפרט לייקען איך, אַז דאָס, וואָס זיי האבען זיך ביז אַצינד נישט באַנוצט מיט די געצייגען, איז אַ פועל־יוצא פון זייער באַזונדערען מזרח־יודישען מין גלייבען און לעבען, און אַז ס׳איז ניט פאַראַן צו זיי קיין רפואה, אויב זיי וועלען בלייבען ביי דעם דאזיגען באַזונדערקייט. ווארין, איך זעה, אַז די אומות העולם, וואָס קוקען אָן די וועלט לכתחילה מיט די חושים, זענען געבליבען ביי דעם דאזיגען קוק און דערביי פאַרט זיך באַשאַפען אַ שטאַלצע מלוכה פון רוחניות (אמת, פון זייער רוחניות, וואָס די חושים זענען זיינע יסודות), און פאַרוואָס? ווייל זיי האבען זיך באַנוצט מיט דער גאַנצער גבורה, פון זייער וועלט־חוש, אַריינגעבעט מכלומרשט די מלוכה אינ׳ם דאזיגען חוש. איך דרינג דערפון, אַז, אויב דאָס יודישע פאלק וויל בלייבען גאטס פאלק און פאַרט פיהרען אַ בכבודיג לעבען אויף דער וועלט, דאַרף עס זיך איינארדענען דעם עולם־הזה נאר אויף ווי ווייט זיין גאט־חוש איז מסכים דערויף און נאר מיט דער גרעסטער ענערגיע, צו וועלכער דער דאזיגער חוש קאָן דערגרייכען. און דערפון דרינג איך ווייטער — און איך רעכען, אַז ס׳איז ניט פאַראַן קיין טַענה אַקעגען דעם — אַז, אויב עס האט ביז אַצינד ניט געהאַט קיין וועלטיש־עקאנאמישע פעולות, נעמט זיך דאָס ניט פון צופיל געטריישאַפט צו דער אמונה, נאר פון צו ווייניג כּוח פון זייער אמונה; אדער מיט אַנדערע ווערטער, דערפון, וואָס דער רעליגיעזער כּוח פון די מזרח־יודישע מאַסען איז גענוג אומגעווייינטליך און גרויס, כּדי זיך צו שפּאַרען אַקעגען דעם עולם־הזה, אבער לעת־עתה איז ער נאך ניט גענוג גרויס, כּדי איהם גובר צו זיין און צו געבען איהם דאָס געשטאַלט, וואָס ער דאַרף האָבען צוליב דעם עולם־הבא, צוליב דעם אייביגקייט. זאל ער נאר וואַקסען, דער דאזיגער כּוח, זאלען מיר נאר איבער־אַ־ניים ווערען אַ באשעפעריש גאטס־פאלק — וועט זיין גוט, וועט זיך אונז איינגעבען אַלדינגס, וואָס דאַרף זיך אונז איינגעבען.

אונזער זינד

נאר לא די, וואָס מען וואַרפט פיר די מאַסען עהרליכע יודען, אַז זיי האבען ניט קיין מעגליכקייט צו לעבען און אַז זיי פאַרשטיין ניט צו לעבען — זאָגט מען זיי נאך נאָך שלעכטע מידות אויך. און די היידישע יודען זענען דערביי אַפילו די ערשטע

לשון־הרעניקעס. וואָרין דאָס התפּעלותדיגע פּארעכץ אַרום די מזרח־יודען, וואָס האט זיך דאָ ניט לאַנג אָנגעהויבען ביי זיי, וואָס ס׳איז מיר שוין נמאס ומאוס געווארען און וואָס ס׳איז כּמעט בּכוח צו לאָזען אויסוואַקסען ביי מיר אַ חשד אויף דעם מזרח־יודען — איז בּכלל גאָרניט, נאר אַ פּון־אויבענדיגער מאדע־טאַרעראַם, אין וועלכען ס׳געפינט זיך ניט קיין פּיצעל לעבעדיג מבינות און פריילּיכע הסכמה. און אַחוץ דעם איז דאָס רוב מערב־יודען בּכלל נאך ניט דערגאַנגען ביז צו דער דאזיגער מאדע אַפילו, נאר פּשוט געבליבען ביי דעם אַלטען אפּענעם ביטול און התנגדות אַקעגען די מזרח־יודען. פאַרשטייט זיך ממילא, אַז דער גוי קאן ניט בלייבען הינטערשטעליג. נישט פיהלענדיג, אַז זיינע היידישע יודען נאַרען איהם, ווערט ער אָנגעצונדען דווקא אויף דעם פאלק פון עהרליכע יודען, קוקט אויף זיי ווי אויף דעם אַרגסטען „יודישען טיפּ, ווייזט אויס". ער איז ברוגז אויף זיי שוין דערפאַר, וואָס לפי רוב ווילען זיי נישט אויסטון דעם לבוש זייערען, וועלכער איז אַזוי צוגעפּאַסט צו זייער איינענקייט און צו זייער אמונה און ווילען ניט אָנטון די אומבאַטעמטע און אומפלאַסטישע הכל־אשר־לכל־בגדים פון די היינטיגע ציוויליזירטע מענטשען. און כאטש אַקעגען זיך אַליין איז ער פול מיט סבלנות, קאן ער זיי בשום אופן נישט מוחל זיין זייערע אמתע און מכלומרשטע חטאים.

נאר זאל מען חלילה ניט מיינען, אַז איך בין חלילה אויסען צו דערווייזען, אַז די שלעכטע מידות, וואָס מען רעדט אויף די מזרח־יודען, זענען גאָרניט אַזוי שלעכט און גאָרניט אַזוי פאַרשפּרייט צווישען זיי, ווי מען זאָגט, אדער אַז זיי זענען נאר די פּעולות פון סיבות, וועגען וועלכע מען קאן זיי נישט באַשולדיגען. איך וועל דאָס בשום אופן ניט טון. בפרט נישט צוליב די היידישע יודען, וואָס בעונותיהם הרבים, וואלט עס פאַר זיי גלייכער געווען, צו האַלטען זייערע טריפהנע מיילער, ניט זיי עפּענען מיט זלזולים און אָנצוהערענישען אויף די יודישע יודען. נאר אויך אַקעגען דעם גוי וויל איך ניט זיין קיין מליץ יושר. דאָס לאָז איך איבער גאָר אָהן קנאה די פּראפעסיאנעלע מליצים פון כּל־ישראל און די מערבדיגע מאדע־בלעטס פון די מזרח־יודען. וואָרין איך פארשטיי נישט, פאַרוואָס אין אונזער היינטיגער צייט, אין וועלכער אַלע מענטשען זענען נאך אַזוי ווייט פון תיקון הנפש, זאל וואָס ס׳איז ניט פאַר אַ פאלק זיך מוזען פאַרענטפערען פאַר קריטיקער, וואָס זענען באַשיימפּערליך אויך ניט קיין מלאכים, וועגען די מעשים רעים פון זיינע פאַרברעכער אדער אַפילו פון זיינע טויג־מענטשען, פון זיינע ירידה־צייטען אדער אַפילו פון זיינע גוטע צייטען. איך מיין, אַז לכל הפּחות דערוויילּ ליגט אויף איטליכען פאלק נאר דאָס אַחריות פאַר זיין כּלל־ווערדע, לויט ווי זי ווייזט זיך אַרויס פון זיינע אויפטועון אינ׳ם עבר און פון זיין איבער־יחידישען באַגייען זיך אינ׳ם הוה, און אַז אט אַזאַ אַחריות מעגען די מאַסען עהרליכע יודען נעמען אויף זיך פאַר דער גאַנצער וועלט גאָר אָהן מורא. מיט זייער אַלטער זיכערער אמונה אין גאָט, מיט זייער נאַטירליכקייט, וואָס איז דורכגענומען מיט רוחניות, מיט זייער לעבען, וואָס איז אַוועקגעשטעלט אויף די פעסטע יסודות פון תורה שבכתב ושבעל פה, און דערמיט, וואָס זיי זענען די איינציגע, ביי וועלכע דער שלום איז אַ לעבעדיג שטיק פון זייער האַרץ — האבען זיי אַוודאי ניט וואָס צו שעמען זיך פאַר דער היינטיגער וועלט מיט

איהרע מלחמה־האַלטערס און שלום־רעדערס, וואָס זי האַלט אין איין צוריק־פאַרהיידישט־ווערען, פאַרטעכנישט־ און פאַרהמונעט־ווערען. אויב די דאזיגע וועלט וואלט אַפילו נאר אויף איין איינציגער מינוט געקענט אַרויסקריכען פון איהרע מהומות, אָפּזאָגען זיך פון איהר וואלוועלער גאווה, פאַר וועלכער זי באַצאָהלט אַפילו געגוג טייער, ניט קוקען אויף יעדען אַנדערען סארט מענטש מיט די אויגען פון אַ שונא — טא וואלט זי זיך ניט פאַרנומען מיט זוכען שלעכטע מידות, נאר וואלט געווען צופרידען, וואָס זי האט נאך ביי זיך אַזאַ פאלק, ניט קיין ווייכס און ניט קיין לייכטס, וואָס ס'איז באַהעפט אינ'ם חי עולמים און ניט אינ'ם עולם־הזה, וואָס האט זיך אונטערגעגעבען דעם איבערשטען, און ניט די מאַשינען, וואָס לעבט זיך לויט זיין סגנון און ניט לויט וואָס ס'איז ניט פאַר א שאַבלאָן, וואָס האט ניט קיין חלק אין דער אייראָפּעאישער סימפאָניע פון רציחה, געקינצעלטקייט און מעכאַניזם. אדער זי וואלט דעמעלט כאָטש פאַרשטאַנען, אַז אויב זי גייט נאר נישט דאָס דאזיגע פאלק, זיך צוצוחנפענען צון איהר — קאָנען איהר ניט אויסוואַקסען פון איהם די סכנות, וועלכע זי האט זיך געוואוינט אָנצורופען די יודישע. אמת, אַן אַנדער פּנים באַקומט די פראַגע פון אַחריות, אַז ס'גייט אין אָפּגעבען דין וחשבון זיך אליין. דעמעלט העלפט ניט, וואָס די כלל־וועדע פונ'ם פרומען יודישען פאלק איז צו גרויס, אַז זיינע באַלייריגער זאלען קאָנען דערגרייכען ביז איהר; וואָס, דאָס איינציגע פאלק, האט עס זיך ניט אונטערגעגעבען די אֶלילים פון אַ יעדען טאָג; וואָס עס פאַרמאָג מענטשען מיט אַזאַ דביקות אין גאט, אַזאַ גוטסקייט און אַזאַ שיינקייט פון לעבען, וועמעס גלייכען ס'געפינט זיך ניט אין דער יודישער מערב־מדבר, וועלכע איז אויסגעשטראַצעלט כמעשה פאָטיאָמקין, אבער פוסט; וואָס עס זענען געווען צייטען, ווען מען האט שוין געמעגט מיינען, אַז אט אט איז מען עולה צון אַ נייער, גאָר הויכער מענטשליכער קדושה. דעמעלט העלפט דאָס אַלדינגס נישט. דעמעלט הייבען זיך אויף די אַלע חטאים, מכוח וועלכע מיר פראָטעסטירען אַקעגען די אומ־געבעטענע קריטיקען פון גוים און היידישע יודען, אבער אויך די צרות פון אַ פאלק אַ יורד, מכוח זיין עקאָנאָמיע און זיין נאָמען אין דער וועלט, און די גאַנצע טרויעריגע מעשה פון אָפּטריניגקייט, און אַלע זאָגען עדות, אַז טאַקי די כלל־וועדע פון פאלק, זיין תוכן און זיין בכורה, זענען אין אַ סכנה. דעמעלט באַווייזט עס זיך פלוצלינג אין אַזאַ מצב, גלייך דער איבערשטער וואלט קיינמאָל ניט געווען געזאָגט: „ותהיו לי עם קדושים", אדער גלייך ער וואלט געווען שפּעטער מבטל געווען די דאזיגע ווערטער. דעמעלט ווייזט זיך אַרויס, אַז קיינע פון די גרויסע האָפנונגען איז ניט מקוים געוואָרען, אַז דאָס פאלק האט זיך ניט גענומען קיין אמתע ראַי׳ פון זיינע גרויסע מענטשען, אַז כאָטש ס'איז געבליבען אין זיין פאָרט, האט עס שוין לאַנג ניט עולה געווען צו העכערע מדרגות, נאר, ווייזט אויס, גאָר זיך אַראָפּגעלאָזט טיפער. דעמעלט ווייזט זיך אַרויס, אַז ניט די קדושה פון דעת ד׳, ניט די קדושה פון תפארת, דעם אויסגעליגענעם ביי גאט, האָבען באַקומען די שליטה איבער איהם, אַז אין זיין וואָכעדיג לעבען איז ניט אַריין קיין שבתדיג התלהבות, אַז נאך אַלץ זשאַד לעוועט מען ברחמים און נאך אַלץ לאָזט מען אין שאָטען אַ סך אָפּשיין פונ'ם

אײַבערשטען. דעמעלט איז טאַקי דאָ, פאַרוואָס צו באַשולדיגען, און פאַר ווען:
פאַר גאָט און פאַר זיך אַליין!

פאַראַן אַ יודישע זינד, אַ יודישע כּלל־זינד, די זינד פון׳ם פרומען יודישען פאָלק.

און איך גלייב, אַז אָט די זינד אין איינעם מיט דער שאלה, וויאַזוי פּטור צו ווערען פון איהר, איז דאָס אמתע יודישע פּראָבלעם און אַז די אַלע פּרטים־פּראָבלעמען, וואָס די פאַרשיידענע פּיהרערס דאַכט זיך, אַז וויכטיגערס דערפון קאָן גאָרנישט זיין, זענען אָהן איהם גאָרנישט און קאָנען פאַרענפערט ווערען נאָר מיט איהם אין איינעם. זאָלען זיך די, וואָס זענען אויסגעקאָרמעט געוואָרען מיט היידיש־מרידהישע מאַכלים, פאַרזאַלצענע אויפ׳ן יודישען שטייגער, באַנוגענען מיט „תיקונים״, ביי וועלכע מען באַצאָהלט מיט׳ן חורבן פון דעם פאָלקס באַזונדערע מעלות בנוגע צו דעת, רחמים און תּפארת פאַר אַ פאָר מכלומרשט לייטישערע ציפער אין ערגיץ אַ סטאַטיסטישער רובריק און פאַר אַ פּראָגרעס אין וואַשען זיך, אָדער — און דאָס איז שוין די גרעסערע מציאה — פאַר וואָס עס איז ניט פאַר אַ נאַציאָנאַלער פאָרים פון וועלטישקייט. כ׳פאַרגין זיי זייער הסתּפּקות, און זאָלען זיך די, וואָס זענען גאָרניט, נאָר געטריי, באַנוגענען מיט׳ן יודישען גלייביגקייט פון היינט — איך פאַרשטיי זיי. בפרט פאַרשטיי איך די עטליכע מאמינים פון מערב, וועלכע זענען גליקליך, וואָס זיי זענען ניצול געוואָרען פון דעם גרויסען אָפּטריניגקייט און דעריבער זענען זיי ענווים ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר די מאַסען פון ערהליכע יודען. נאָר איך מיין, אַז אָט דאָס גאַנצע הסתּפּקות און אָט דאָס גאַנצע עניוות זענען סותר דעם תּכלית פון׳ם יודישען פאָלק, לויט צו וואָס גאָט האָט עס באַשטימט, און דעם כּוח, וועלכען גאָט האָט איהם געגעבען אין זיין גרויס חסד. איך מיין: נישט דערפאַר האָבען מיר גענומען אויף זיך אונזער באַזונדערקייט, כּדי פאַרוויאַנעט צו ווערען אין איהם, אָדער, אויב מיר ווילען ניט פאַרוויאַנעט ווערען, כּדי זיך פאַמעליך צו לאָזען אַרויסשלעפען און אַריינוואַרפען אין די וועלט־מהומות, נאָר אַדרבא, כּדי צו בלייבען פריש און יונג און עולה צו זיין אויף וואָס העכערע מדרגות. ניט דאָס וויל גאָט, אַז מיר זאָלען זיך באַנוגענען מיט׳ן באַזונדערקייט, מיט די מצוות אונזערע, אויף וויפיל זיי זאָלען ניט זיין אונזער צירונג, דער יסוד און דער אָנהייב פון אונזער טון, נאָר אַז מיר זאָלען זיך באַנוצען מיט׳ן באַזונדערקייט, מיט די מצוות, כּדי צו קומען צו דעם תּכלית, צו וועלכען ער וויל, אַז מיר זאָלען קומען. שוין גענוג לאַנג האָבען מיר זיך ניט געמאַכט פון זיין ווילען. שוין צייט, מיר זאָלען אַנדערשט ווערען, גאָר אַנדערשט. אונזערע יודען דאַרפען דערגרייכען צון אַזאַ מדרגה, אַז אַפילו די מחשבה אויף אַ נידעריגען סאָרט חטא זאָל זיי ניט קאָנען קומען. זיי דאַרפען אויסוואַקסען גרויסע און כּשרע מענטשען, שטילע און פרייליכע, הייליגע און שיינע, מיט דעם גאַנצען כּוח פון אַ שטאַרקער אמונה, כּדי צו קאָנען בלייבען ווייט פון איטליכען היידישקייט, נישט צו דאַרפען אָנקומען צו די היידישע יודען, נישט צו מוזען אַריינפאַלען אין אַ דחקות, וואָס דערנידעריגט די מענטשליכע ווערדע, און צו קאָנען אַרויסברענגען פון די טיפעניש פון זייערע נשמות תּוכן און ברייטקייט, קדושה און פאָרים פאַר זייערע ישובים. אונזער אמונה־פאָלק דאַרף שוין

אַמאָל פאַרשטייִן, אַז ס'דאַרף שוין זיין געקומען די שָעה פון זיין תּשובֿה. ס'דאַרף שוין אַמאָל אויפהערן צו זיין ווי אַ זומפּ, וואָס ווערט בּיסלעכווייז אויסגעטריקנט אין דער הייִדישער סבֿיבֿה. ס'דאַרף שוין אַמאָל אויסוואַקסן אַ שטראָם, אַ הילכענדיגער, אַ שטאַרקער, אַ שטאָלצער, אַ באַשעפערישער, אינ'ם שטראָם-בעט פון דער תּורה און פיהרען די קדושות פון דעת ד', פון רחמים, פון תּפארת צו זייער לעצטען, גרעסטען נצחון.

וואָס מיר דאַרפען אויפטון

זוכענדיג דעם וועג, אויף וועלכען דאָס פרומע יודישע פאלק דאַרף גיין, כּדי אויסצומעקען זיין זינד, האָב איך געפיהלט, אַז איך דאַרף קודם דערגיין, ווי אַזוי ס'איז געקומען צון איהר. און דערגאַנגען בין איך עס, ווען כ'האָב מיר אָנגעקוקט זיין שייכות צו משיחן.

פון דער מינוט אָן, אין וועלכער כ'האָב מיך אומגעקעהרט צום יודישקייט, האָב איך מיך אָנגעהויבען שטאַרק צו פאַראינטערעסירען גראָד מיט דער אידעע פון משיחן. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז אַנדערשט קאָן ניט זיין: נאָר דער איינציגער גאָט, וואָס האָט געשאַפען דעם מענטשען אַ בּשׂר ודם און פאָרט בּצלמו וּבדמותו, וואָס האָט איהם געלאָזט געשטרויכעלט ווערען און בלאָנדזשען, און פאָרט איהם געגעבען פאַר באַלייטער זיין אמת, זיין מוסר און זיין אַפּגלאַנץ, וואָס האָט איהם איינגעטונקט אין זינד און האָלט פאָרט איבער איהם דעם יושר ווי אַ שטריק, ער זאָל זיך קאָנען אָנכאַפּען און ראַטעווען — דער איינציגער גאָט וועט אַמאָל מוזען מקַיים זיין דעם מענטשענס בענקשאַפט, אויסגעלייזט צו ווערען פון די יסורי הסתּרה, פון די עִנויי העֲבֵירה, ער וועט מוזען אַראָפּנעמען פון איהם די דאָזיגע יסורים און עִנויים, אָדער בעסער, ניט ער וועט מוזען, נאָר ער וועט מקַיים זיין דאָס, וואָס ס'איז זיין כּיוון מכּתחילה. אַנדערשט קען ניט זיין, ווייל — אַז ניט — וואָלט אויסגעקומען אַ קינדעריש שפּילעכעל דאָס גאַנצע באַשאַפען די מאָדנע בּריאה מענטש מיט דעם מאָדנעם ניצוץ פון אייביגקייט אין זיין גוף. דער ניצוץ נשמה טאָר ניט תּמיד מוזען באַנוגענען זיך דערמיט, צו טון אַמאָל אַ שיין, נאָר ס'וועט מוזען קומען אַ צייט, וועט ער אָנהייבען צו לייכטען מיט א שטראַהלענדיג און אייביג ליכט. פּונקט ווי ס'טרעפען זיך גרויסע איבערקעהרענישען פון וועלטען, בּיי וועלכע ס'שווימען ארויף נייע וועלטען פונ'ם קאָכענדיגען וועלטען-שוים, פּונקט אַזוי וועט אמאָל אויך מוזען זיין אַן איבערקעהרעניש אינ'ם רשות פונ'ם מענטשליכען גייסט, אין אחרית הימים, די מענטשען וועלען באַקומען „אַ ניי הארץ" — ולא על ידי אַנטוויקעלונג ולא על ידי צייט, נאָר טאַקי דורך דעם אין-סוף אַליין — וועלען אַריינקוקען אין דער וועלט מיט אַ געטליך קלאָרקייט, וועלען דערגיין צון אַ קדושה אָהן א פּנימה, צון אַ

דַעת, א רַחמים און א תּפאֶרת אָהן באדינגונגען. אנדערשט קאן אויך ניט זיין: נאר א בָשׂר וָדם וועט עס מוזען זיין, א מענטש וועט דאָס מוזען ברענגען די יְשועה די מענטשען, א י׳ן מענטש, א מענטש א גָדול שֶׁבַגדולים, א נַעלה שֶׁבַנַעלים, וואָס גאט וועט איהם איבערגעבען דאָס איינציגע איינציגע שליחות פון דער היסטאָריע, וואָס מיט דעם ריזיגען שטאַרקייט פון זיין נְשָמה וועט ער גוֹבר זיין די נְשָמות פון מיליאָנען מענטשען און פון אַלע דורות נאָך זיי, וועט ער אויסלייזען איטליכע נְשָמה באַזונדער און אַלע נְשָמות אין איינעם. און אַנדערשט קען ניט זיין: דער דאָזיגער אויפטו פון דעם איינעם מענטשען, וואָס דער איינער גאט וועט איהם שיקען, וועט מוזען האָבען אַ שַייכות צו דער גרויסער מִלחָמה, וואָס די מענטשען האַלטען מיט׳ן זינדיגקייט שוין טויזענטער יאָהרען. נישט בְחינם וועט מען דערגרייכען צו דער גאולה. מען וועט זי מוזען פאַרדינען זיך לְכָל הַפָּחות מיט די עִנויים פון דער עֲבֵירה, מיט דעם ראַנגלען זיך מיט איהר, מיט דעם בענקשאַפט, פָּטור צו ווערען פון איהר, און ס׳ווייזט אויס, אויך מיט אַ בולטען כּיוון און מיט אַ שווערער אַרביט אויף עולה צו זיין ביז צו די מַדרֵגות, ביז צו וועלכע ס׳איז בִּכלַל מֶעגליך אַן עַליי׳, אויף ווי לאַנג די גאולה איז נאָך ניט געקומען. און אַנדערשט קאן ניט זיין: אין דער דאָזיגער מִלחָמה, ביי דער דאָזיגער אַרביט, וועט מוזען גיין פאָרענט פאַר אַלע פעלקער דאָס פאָלק — וואָס זיין אויס־דערוויילטקייט באַטייט נישט, אַז די אַנדערע פעלקער זענען אַוועקגעוואָרפען געוואָרען צוליב איהם, האָבען ניט קיין חֵלק אין גאָטס גענאָד און קאָנען איהם ניט דינען לויט זיין רָצון און זיין פּלאַן, אין אַנדערע פאָרמס, מיט אַנדערע סימבאָלען, נאָר — וואָס איז אויסדערוויילט געוואָרען, כְּדֵי, אָנהייבענדיג פון זיין תּורה צו גרייטען און צו ווייזען דעם וועג צו מְשיחן פאַר זיך און פאַר די אַנדערע; דאָס פאָלק, וואָס האָט אַרויסגע־בראַכט די געטליכע מְבַשׂרי הַקדושה, די מענטשען פונ׳ם שטאַרקסטען רוחניות און מיט׳ן שטאַרקסטען דאָרשט נאָך גאולה. און דער איינער, דער איינער פון אַחרית הַיָמים, וואָס וועט קומען, כְּדֵי צו טון דעם גרעסטען און דעם איינציגען אייביגען אויפטו פון אַלע אויפטוען, וועט זיין אַ שפּיץ־פּונקט פון די דאָזיגע מענטשען, וועט זיין אַ זוהן פון דעם דאָזיגען פאָלק, וואָס מיט זיין אויפטו וועט ער עס אויך אויפריכטען פון זיין שָפלדיגקייט...

אויב די יידישע יודען — אדער בעסער, אַ געוויסער סאָרט בֵיישָנים צווישען זיי — צוקאַליעטשען די דאָזיגע וואונדערליכע אֶמונה אין מְשיחן, אויב זיי בייטען אויס דאָס לעֶבעדיגע געשטאַלט פון אַ פערזענליכען מְשיח, וואָס גאָט וועט איהם שיקען — אַ געשטאַלט, וואָס איז אויך עַל־פּי־שֵׂכל א זיכערער פועל־יוצא פון דער לאַנגער היסטאָרישער קייט פון די גרויסע נְביאישע מענטשען — אויב זיי בייטען דאָס אויס אויף דער פוסטער פיקציע, אַז דער גאַנצער כּלַל־יִשׂרָאל איז מְשיח; אויב פון דעם גרויסען בענקעניש און פון דער זיכערער גאולה פון אַלע מענטשען און פונ׳ם פאָלק יִשׂרָאל איז ביי זיי געוואָרען א מין ליבעראַל־עֶטיש קולטור־פּראָגראַם, א פּעקעל מְליצות, וואָס זיי גיבען עס מיט דעם פאָלק פאַר א „מיסיע“, ווי זיי רופען עס אָן בלע״ז, אויף זיין וועג איבער אַסימילאַציע, אָפּטריניגקייט, מאַרק, בערזע און צייטונגען — איז דאָס אַלדינגס אויסגעקומען ביי מיר נאָר ווי מעֶהר אַ שטריך פון זייער בילד און ס׳איז מיר

ניט געווען קיין חידוש. נאר ווען איך בין דערגאנגען, אַז אויך מאַסען עֶהרליכע יודען זענען ניט געווען בְּכֹּוח, צו בלייבען ביי אַ גאַנצער, א ניט־אָנגעריהרטער אֱמונה אין מְשִׁיחן, בין איך שוין יא נִשתּוֹמם געווארען, איך האב אַפילו טאָג פאר טאָג געהערט, ווי זיי זאָגען אַרוים זייער האפענונג אויף בִּיאת הַמָּשִׁיח, און ס׳איז אויך ביי מיר ניט געווען קיין שום סָפק, אַז זיי זאָגען דעם אֱמת. נאר כ׳האב מיר דאך פארט ניט געקאנט פאַרמאכען די אויגען, כְּדֵי איך זאל ניט זעהן, אז אין זייער אֱמונה אינ׳ם קימען פין מְשִׁיח׳ן איז עפּים פאראן א מין שטריך פון לעגענדע און אידיל, און אויף זייערע פְּנימער באווייזט זיך אפט א שמייכעל — ניט וויסענדיג דערפון און טאקי ניט זעלטען אויך וויסענדיג עס — וועלכער זאָגט עֵדות דערויף. און קודם כָּל האב איך דאך געמיזט זעהן: זיי ווייסען און פיהלען אפילו מעהר נישט דאָס פארקניפטקייט פון בִּיאת הַמָּשִׁיח מיט׳ן אנדערען תּוכן פון דער יודישער אֱמונה, איהר שַׁייכות צום אויסדערוויילטקייט און, אין איינעם דערמיט, צו שׂכַר וְעוֹנש, זיי האבען מעהר ניט קיין איבערבליק איבער׳ן גאנצען וועג פונ׳ם יודישען פאלק, וועלכער איז איהם אָנגעצייכענט מיט אַ וואונדערליך בולטקייט, איבער דעם וועג, וואָס פיהרט פון דער תּורה הַקדוֹשה און מיט איהר דורך קְדושה צו מְשִׁיח׳ן; זיי האבען פאַרגעסען, אז דאָס אויסדערוויילונג האט זיך ניט געענדיגט מיט מַתּן תורה, נאר אז עס נעמט ארום דריי תּוכנס: דעם תּוכן פון בַּסים, די תּורה, דעם תּוכן פין וועג, דאָס הייליגען זיך, און דעם תּוכן פון ציל, מְשִׁיח׳ן. זיי האבען זיך געוואוינט צו קוקען אויפ׳ן מְשִׁיח־האפענונג ווי אויף א זאַך בִּפנֵי עַצמה און צו רעכענען זיך נאר מיט דעם איינדאיינציגען מֶעגליכקייט, אז גאט קאן שיקען מְשִׁיחן יֶעדען טאָג, פאר א חֶסד וועגען, און זיי האבען גאָרניט גערעכענט זיך מיט׳ן אנדערען מֶעגליכקייט, אז גאט וועט איהם מוזען שיקען, אז מען וועט זיך איהם פארדינען, בִּפרַט אז זיי, פון וועלכע ער דארף ארויסקומען, וועלען רָאוי ווערען דערצו ניט נאר דורך פארנעמען זיך מיט דער תורה, נאר אויך דורך הייליגען דאָס גאנצע לֶעבען זייערס. און איך האב פארשטאנען: זיי גלייבען אפילו אין זיין קומען, נאר נישט מיט אזא כּוח, וואָס זאל זיי קאנען ריהרען פון ארט, וואָס זאל זיי טאקי קאנען אויפהייבען צו וואָס העכערע מַדרֵגות. און אט דערמיט האבען זיי זיך אליין פארמִשפּט צו דעם מַצב, אין וועלכען זיי געפינען זיך אצינד, וואָס זייער אֱמונה איז צו עָנוודיג געווארען. אט דורך דעם האבען זיי ניט געקענט קומען צו דער באַשעפערישער אומרוּה און אומצופרידענקייט, צו דער ענערגיע פון רוחניות, וואָס מען דארף זיי האָבען, כְּדֵי צו קאנען באשאפען אין אויפהאלטען א וועלט לויט׳ן געטליכען געבאט, און אט דורך דעם, בלויז דורך דעם זענען זיי זינדיג געווארען.

אֱמת, קוים איז די איינע שַׁאלה פאַרענפערט געווארען, שווימט שוין אַרויף אַ נייע:

וויאַזוי האט זיך דאָס געקאנט מאַכען, אַז די מאַסען עֶהרליכע יודען זענען מעהר ניט רָאוי, צו פאַרשטיין דאָס אֱמתע מהות פון דער אֱמונה אין בִּיאת הַמָּשִׁיח, אַז דאָס געשטאַלט פון מְשִׁיח איז איינגעשרומפען געווארען אין זייערע אויגען, כִּמעַט אַ געשטאַלט פון מַעשהלעך און אַ מַתּנת חֶסד, אַז מְשִׁיח איז געווארען אַ זייטיגער פאַרשוין אין זייערע רעליגיעֶזע פאָרשטעלונגען. איך מיין, אַז אויף דער דאזיגער צווייטער שַׁאלה,

זענען נאר מעגליך צוויי תּירוצים: אדער אַז דאָס פאלק איז בִּכְלַל נישט רָאוּי, מַשׂיג צו זיין דעם רַעיון פון אַ מָשִׁיחַ, אויף וועלכען מען דאַרף אַרבּיטען, אדער אַז ס׳האט ניט פאַרשאַפט זיך צו דער צייט קיין בולטע גאַראַנציעס, כְּדֵי צו קאָנען בלייבען ביי אַ הַשָּׂגָה, וואָס אַפילו פאַר אַ פאלק מיט׳ן גרעסטען רעליגיעזען טאַלאַנט קאן זי אַמאָל זיין צו שווער. נאר אַזוי ווי דער ערשטער תֵּרוּץ איז סותר די גאַנצע היסטאריע פון רעליגיע און אידעעס ביי יודען, בלייבט נאר דער צווייטער תֵּרוּץ און ער אַנטפּלעקט טאַקי די סיבה, פאַרוואָס די אֱמוּנָה אין מָשִׁיחַ׳ן איז אָפּגעשוואַכט געווארען, און דערצו ווייזט ער נאך אָן דערויף, אַז דאָס, וואָס ס׳האט זיך אָפּגעשטעלט ביי יודען די עֲלִיָּה בִּקְדוּשָׁה, נעמט זיך דאָס ניט נאר פון דעם דאָזיגען אָפּשוואַכונג, נאר אויך דירעקט פון אַ געוויסען שעדליכען מְקוֹר.

בְּשַׁעַת דאָס היימישקייט פון די היימישע יורדים פאַרצערטעלט דעם יָחִיד און מאַכט דורך דעם אַ חֵלֶק אי פון כְּלַל אי פון׳ם יָחִיד, האט דאָס יודישקייט מְחַנֵּךְ געווען דעם יָחִיד און דערמיט געראַטעוועט דעם כְּלַל און דאָס יְחִידִישקייט. נאר צום באַדויערען האט דאָס יודישע פאלק ניט באַוויזען אין גאַנצען אויסצופיהרען דאָס דאָזיגע פּראָגראַם פון יודישקייט. פאַרמאָגענדיג אַ דיסציפּלין, וואָס איז אַוועקגעשטעלט אויף דעם אייביגען יְסוֹד פון דער תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב וְשֶׁבְּעַל פֶּה, האבען יודען פאַרגעסען, אַז דעם דאָזיגען אייביגען יְסוֹד דאַרפען זיי חָלִילָה ניט צופּאַסען צו די צייטען, ווי מען דריקט זיך אויס מיט נאַרישע היימישע ווערטער, נאר אַדְּרַבָּא — אַרומרינגלען איהם מיט געצייגען, וואָס אויף דעם אייגענעם יודישען דיסציפּלין־שטייגער זאלען זיי גּוֹבֵר זיין די צייטען און מאַכען פון זיי דינסטען פאַר דעם יְסוֹד גּוּפָא, פאַר זיינע פְּעוּלוֹת אויף דער וועלט און אין אַ יעדען דוֹר. זיי האבען געמאַכט סְיָגִים אַרום איטליכער מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, כְּדֵי דער יָחִיד זאל ניט קאָנען קומען אַזוי לייכט לִידֵי עֲבֵירָה, אבער זיי האבען גאָרניט געטון, כְּדֵי דער כְּלַל זאל ניט אַזוי לייכט קאָנען אַראָפּגיין פון׳ם וועג פון די מִצְווֹת און אַלץ מעהר אָנווערען דעם כּוֹחַ הָעֲלִיָּה. דעם כְּלַל פון די מִצְווֹת עֲשֵׂה און לֹא תַעֲשֶׂה, די גאַנצע תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האבען זיי ניט אַרומגערינגעלט מיט סְיָגִים בְּנוֹגֵעַ צו די פאַרשיידענע באַדינגונגען און מעגליכקייטען פון׳ם כְּלַל־לעבען, און קיינמאָל האבען זיי נישט באַשאַפען קיין פערזעגליכע און צייטליכע אָרימס פאַר דער אומפערזעגליכער און אייביגער תּוֹרָה, כְּדֵי זי זאל וואָס לייכטער און וואָס מעהר קאָנען געוועלטיגען איבער די מענטשען און איבער די צייטען. זיי האבען זיך ניט באַשאַפען קיין אָרגאַנען אויף צו פאַרשאַפען די צייטליכע צֵדָה לַדֶּרֶךְ, וועלכע איז נייטיג פאַר אַ פאלק, וואָס האט זיך אונטערגענומען אַ נְסִיעָה איבער׳ן יַם פון אייביגקייט, און קוֹדֶם כֹּל האבען זיי פאַרגעסען, אַרויפצוברענגען שיפס־לייט אויף דער שיף פון זייער אֱמוּנָה און אַזוי־אַנאָך איבערגעלאזט זייער טייערסטען אוֹצָר, די תּוֹרָה־הַקְּדוֹשָׁה, אויפ׳ן באַראָט פון ווינטען און כוואַליעס.

בְּלוֹיז דאָס חסידות קומט אויס ווי אַן אומבאַוואוסטזיניג דערמאָנען זיך אַ ביסעל אין דעם, וואָס מען דאַרף אייגענטליך אויפטון. וואָרין קיינמאָל איז דאָס חסידות נישט געווען דאָס, פאַר וואָס מען האט זיך געוואונט צו האַלטען עס אין דער לעצטער צייט. ניט געבענדיג אַפילו קיין געלעגענהייט צו דער שאלה „מִצְווֹת אָדער אֱמוּנָה?״, איז דאָס

חסידות קיינמאָל ניט געווען קיין פּראטעסט אַקעגן דעם „פּרושיות" (וואָס, ס'איז גער־
ווארען אַ מין הייזדיש־יודישע מאָדע צו העלפען די גוים צו זידלען עס), ס'איז אַפילו
נאָך ווייניגער געווען אַזאַ פּראטעסט, ווי דאָס נְבִיאות (וואָס מְכוּח זיין עוֹבדא שניידט עס
זיך שטאַרק אונטער פון איהם). קיינמאָל איז דאָס חסידות ניט געווען קיין מְרידה אַקעגן
דער דיסציפּלין אין דער רעליגיע. אַוודאי, עס האט געשטרעבט דערצו, דער יָחיד זאל
קאנען צוקומען נעהנטער צו גאט, נאר דערמיט האט עס קיינמאָל ניט סותר געווען די
רעליגיעזע דיסציפּלין. אַדרבא, מְכַתחילה איז עס געווען דער ערשטער פּראַקטישער
פּרווו, צו שטאַרקען דאָס פּרינציפּ פון אַ רעליגיעזער כְּלל־דיסציפּלין דורך אַ צייטליך
און פּערזענליך פיהרונג פון דער יודישער אייביגקייט־שיף און דערמיט צו ריהרען די
דאזיגע שיף פון דעם ארט, וואו זי האָט זיך פאַרהאַלטען. בלי שום סָפק אויך געהאט
פּעולות. וואָרין לְכָל הַפָּחות האט דאָס חסידות באַוויזען אויסצולערענען דאָס יודישע
פאלק, צו האָבען אַ הייסען צוטרוי צו רעליגיעזע פיהרער, צו געבען איהם דעם כּוח
פון באַוואונדערונג און ליבשאַפט צו זיי — אַ כּוח, וואָס כאָטש ער קאן אַמאָל לאזען
פאַרקריכען צו נישט־פּאַסיגע מענטשען, איז ער פארט די מענטשליכסטע און באַשער־
פערישטע מידה, וואָס מאַסען קאנען האָבען, עַל־כָּל־פָּנים, אַ מענטשליכערע און אַ
מעהר באַשעפערישע מידה ווי דאָס אַזוי אָנגערופענע אומאָפּהענגיגקייט פון די מאָדערנע
קופּעס־מענטשען. נאָר צו ריהרען די שיף פון ארט — דאָס האט דאָס חסידות קיינמאָל
ניט באַוויזען צו טון: ניט געאַרבייט אויף אַ מְשיחישען לעבענס־ווינט פאַר די זעגלען,
נישט געקלערט וועגען שיפס־לייט און וועגען פיהרונג. אין בעסטען פאַל, באַגנוגנט
זיך איטליכער פון זיינע רֶביים מיט אַ פּאָר ברעטער פון דער שיף, און ניט קיין באַפעהל
פון אין דרויסען, ניט זייער אייגען האַרץ הייסט זיי קלערען וועגען מעהר. די רַבָּנים
אָבער פון'ם אַלטען שניט — פאַרשטייט זיך, נאך אַלץ טויזענט־מאָל וויכטיגער פון די
„ראַבינערס" פון'ם מאָדערנעם אינטעליגענטיש־היידישען שניט — וואָס זייער חשיבוּת
האט סיי ווי סיי ניט געקלעקט אויף גאָר גרויסע רעליגיעזע אויפטוען, האט דאָס חסידות
אויך נישט צוגעגעבען קיין שטיק אויטאָריטעט, נאר אַדרבא — אין איינעם מיט'ן
הייזדיש־מְרידהשין מַבול — נאך צוגענומען ביי זיי, נאָך מעהר אַרויסגעשטעלט זיי פון'ם
כְּלל, געפּועלט, זיי זאלען נאָך מעהר מוזען אָנקומען צו יענע, אויף וועלכע זיי דאַרפען
אַכטונג געבען, וועלכע זיי דאַרפען ווייזען דעם דֶרך הַיָשר, מיט וועלכע זיי דאַרפען
לערענען תורה און ווי מען דאַרף לעבען נאָכ'ן אייבערשטענס רָצון; אפּטמאָל אַפילו
צון אַזוינע, וואָס האָבען שוין לאַנג אָפּגעקערט פון גאט, סיי אפּען פאַר דער וועלט, סיי
ביי זיך אין האַרצען. בְּקיצור, ס'איז אַלץ געבליבען ווי ס'איז געווען, אדער — אויף ווי
וויט ס'רעדט זיך ניט וועגען מעגליכקייטען, וועלכע דאָס חסידות האט אַנטפּלעקט —
אַפילו נאך אַרגער געווארען: די שיפס־לייט זענען היינט נאך ווייניגער ראוי צו זייער
אַרבייט ווי פריהער, מען קאן זיך נאך ווינציגער פאַרלאזען אויף זיי. די יודישע שיף ראַנגעלט
זיך נאך שווערער מיט די ווינטען און מיט די כוואַליעס. די סכָּנה איז נאך געוואַקסען.
נאָר איך רעכען, פון דעם אַלעמען, דערפון, וואָס די אֶמונה אין מְשיחן איז אַזוי אָפּ־
געשוואַכט געווארען און וואָס מען האט ניט צוגעגרייט קיין פיהרונג, ווי ס'דאַרף

צו זיין, פאַר דער יודישער שיף — טאָר מען ניט דרינגען, אַז אונטער די דאזיגע ביידע זינד פונ'ם יודישען פאלק באַהאַלט זיך עפּיס אַ מין עיקר־חטא, עפּ׳ס אַ מין אָפּהענגיגקייט (וואָס אַזוינס איז ניט סותר דאָס איבערטראָגען צָרות מיט עַקשָנות) און וואָס דאָס פאלק קאָן עס בְשום אופן ניט גובר זיין. וואָרין אַזאַ אויסדרינגונג וואלט סותר געווען דאָס, וואָס ס'איז צוגעזאָגט געווארען דעם יודישען פאלק, וואלט סותר געווען זיין באַזונדערען וועג צווישען די פעלקער, צו וועמעס בִיחִידותדיגקייט ס'איז ניטאָ קיין נִמשל, וואלט סותר געווען די אייביגקייטס־אויפטוען, וואָס יודען, ראַנגלענדיג זיך מיט'ן עולם־הַזה, האבען פארט אויפגעטון ביי זיך און פאַר דער וועלט זינט טויזענטער יאָהרען. די דאזיגע אויפטוען, דער דאזיגער בִיחִידותדיגער וועג, דער דאזיגער צוזאָג ווייזען, אַז דאָס געדולד גופא נעמט זיך פון אַ כּוח, וועלכער וואַרט אויף די צייטען, ווען ער וועט קאָנען אַ פרייער אויסשפרייטען זיינע פליגעל און געוועלטיגען. זיי גיבען אַ האפענונג, אַז ביי די היינטיגע מִזרח־יודישע מאַסען, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר אַ גראַנדיאַזע קאָנצענטראַציע פון יודיש לעבען, גרייט זיך צו די גרעסטע און איינגענטליכסטע עַלִי׳ פונ'ם יַהדות. זיי ווענדען ניט נאָר אָפּ דעם עיקר־חטא, נאר זיי דערווייזען אויך, אַז ס'איז דאָ מיט וואָס מְכַפּר צו זיין דעם פראסטען חֵטא, זיי פאדערען צוויי אויפטוען: איינעם, צו מאַכען אַ סוף צו דעם אָפּגעשוואַכטקייט פון איינער פון די וויכטיגסטע כּוחות הָאֱמונה, און אייסצובעסערען אַלטע פעהלערען, און דעם צווייטען, דורך וועלכען דער ערשטער זאל ערשט מעגליך ווערען, דעם אויפטו פון צו היילינגען זיך.

און דעריבער מיין איך: אויב היינטיגע עהרליכע יודענס אֱמונה אין מְשיחן האט ניט קיין תּוכן, נישט קיין גרויסקייט און ניט קיין כּוח, צו ריהרען פונ'ם אָרט, ווייל זי קוקט נישט אויף דער גאולה אויך ווי אויף אַ שָׂכָר פון געטריישאַפט און פאַר היילינגען זיך; אויב ביי זיי איז מְשיח נאָרנישט נאָר אַ גלייכגילטיגע בייזאַך, טא מוז מען זיי אָנווייזען, אַז זיי בלאָנדזשען און זינ־יגען, טא דאַרפען זיי דערוועקט ווערען, זיי זאלען זיך קאָנען פאַרבענקען נאָך מְשיחן מיט אַ היים פרובפערדיג בענקשאַפט, זיי זאָלען קאָנען זיכער זיין ביי זיך מיט אַ פריילין זיכערקייט, אַז זיי קאָנען זיך אַליין פאַרדינען מְשיחן.

ווייטער, אויב ס'איז אֱמת, אַז דורך דעם, וואָס ס'זענען אַצינד ניטאָ קיין פערזענליכע און צייטליכע ארגאַנען, אונטערצושפאַרען און צו היטען די אֱמונה, האבען עהרליכע יודען פאַרגעסען דעם תּוך פון דער אֱמונה אין מְשיחן, אָנגעוואוירען דעם כּוח, צו קלערען זייערע היילינגסטע אייפטוען צו ברענגען דערצו, אַז די תּורה הַקדושה זאָל האָבען איהר גאַנצע פעולה און שליטה — טא דאַרף מען מְבַטל זיין די אַנאַרכיע, וואָס זי געוועלטיגט היינט אינ'ם פיהרונג און אָפּהיטונג פונ'ם יודישען רעליגיעזען לעבען און וואָס זי איז סותר גאטס רָצון, דאַרף מען זיך מעהר ניט פאַרלאזען אויפ'ן צופאַל מִכּוח דעם וועג פון דער עַלִי׳. דעמעלט טאָרען עהרליכע יודען מעהר ניט לאזען זיך פאַרפיהרען פון זייער אייגען באַקוועמקייט און פון מושלים, וואָס די מֶמשָלה קומט זיי נאָרנישט און לְפי רוב זענען זיי גאַנצע אדער האַלבע פושעים, און טאָרען זיך דער־עיקר נישט דערשרעקען פאַר די מְליצות פון די יודישע און אַנדערע עֲבודה־זָרהניקעס און מְרידהלע־מאַכערס, וואָס זיי זענען בסד־שונאים פון איטליכער דיסציפלין און איהרע

בויענדיגע כּוחות, נאר זײ מוזען זעהן, אַז ס׳זאל אויסוואַקסען צווישען זײ אַ פּאַרפּעס־טיגטע, גוט איינגעאָרדענטע און אַנערקענטע אינסטיטוציע פון שוֹמרי אֱמוּנה, וואָס זאל נישט דאַרפען אָנקומען צו קײנעם, וואָס זאל זײ מוֹכיח זיין און פיהרען און זאל זיין זײער פאָרשטײאונג פאַר דער וועלט.

און אויב ס׳איז אויך אֱמת, אַז עֶהרליכע יודען, כאטש זײ זענען געטרייע, האבען פון דעסט־וועגען ניט געטראַכט צו באַשאַפען סיָגים פאַר דער גאַנצער כּנֶסת יִשׂרָאל, וועלכע זאלען זי קאנען שטאַרקען אַקעגען די נִסיוֹנות פון דער וועלט און פון דער צייט — טא דאַרפען זײ אַצינד באַשאַפען די דאזיגע סיָגים, טא דאַרפען זײ אַסרען אַלדינגס, וואָס איז בְּכּוֹח, אָפּצושוואַכען זייער יוּדישקייט און זייער טאַלאַנט אויף צו הײליגען זיך, און דאַרפען מאַכען פאַר אַ מִצות עֲשה אַלדינגס, וואָס איז בְּכּוֹח, צו שטאַרקען די דאזיגע מִדוֹת: דאַרפען זײ קוקען אויף איטליכען מין אָפּזאָגען זיך פון אַ שטיק יוּדיש לעֶבען און אויף איטליכען מין בלייבען אין אַ מַצבֿ, וואָס העלפט צו צו בְּגידה און צו פאַר הײדישט ווערען, ווי אויף אַן איסור, און דאַרפען מאַכען פאַר מִצות עֲשה אַלדינגס, וואָס לאזט ניט צו קײן נִסיוֹנות צו יודען. דעמעלט דאַרפען זײ אַסרען די גרויסע שטעֶט, דעם עיקר־מְקוֹר פון דער עֲבוֹדה־זָרה, און דאַרפען אַוועקשטעלען פאַר אַ מִצוה דאָס אומקעֶהרען זיך צו דער עֶרד־אַרביט, ווי צו אַ שטיקעל גאַראַנציע, אַז יודען וועלען זיך האַלטען ביחִידוּת און וועלען זיך הײליגען. דעמעלט דאַרף זיין זײער שַייכות צו אַלע עיקר־עִנְיָנים פון יִשובֿ און פַּרנָסה, פון לְבוּש, לָשון און חינוך ווי צו אֱמונה־זאַכען, צו די אײנע ווי צו איסוּרים, צו די אַנדערע ווי צו מִצוות.

ווען די אַלע באַדינגונגען וועלען זיין באַשאַפען: אי סיָגים פאַר דעם כּלל; אי די נייע פאַקטען פון אונטערשפאַרען די אֱמונה דורך אפיציעלע כּלל־אויפטוען און פון היטען זי דורך שוֹמרי אֱמונה, וואָס גײען אַריין אין אײן גרויסער כּלל־אינסטיטוציע בְּהֶסכּם מיטן פאלק; אֱמתע גרויסע אֱמונה אין מְשיחן — דעמעלט וועלען די דאזיגע באַדינגונגען צונעמען ביים פאלק זיין פאַרשלאָפענקײט, צוליב וועלכען עס האט ביז אַצינד זיך ניט געקענט ראַטעווען פון דעם חֵטא, וואָס עס האט זיך אָפּגעשטעלט און שטײט, דעמעלט וועלען זײ באַשאַפען די לופט, אין וועלכער ס׳וועט עֶרשט זיין מעֶגליך, עוֹלה צו זיין בִּקדושה אויף דעם יְסוֹד פון תּורה ומִצוות. און דאָס גלײביגע יודישע פאלק — אַזוי ווי ס׳וועט זיין אונטערגעשפּאַרט און געהיט און רָאוי צו אַרביטען אויף מְשיחן — וועט דעמעלט מעֶגען און מוזען פאַרלאַנגען פון זיינע קינדער, זײ זאלען אַלץ העכער עוֹלה זיין בִּקדושת בְּעת ד׳ מיט הִתלַהבוּת און מיט הַכנָעה דורך לימוד הַתּוֹרה, דורך תפילה, דורך געזאַנגען, וואָס פון זײערע ניגונים העֶרט זיך דאָס הִתלַהבוּת צו גאט, דורך געבייען, וואָס פון זײערע פארימס שפּאַרט עס ארויס, און דורך אויסמיידען די מְהוּמות פון דער וועלט בְּיִראַת שָמַים — בְּקיצור דורך דעם פּאַטאָס פון אײביגקײט; זײ זאלען אַלץ העכעֶר עוֹלה זיין בִּקדושת הָרַחמים, דורך פאַרברײטערען די מִצוות בין אָדם לַחֲבֵרו, און בִּקדושת הַתּפאֶרת, דורך אַרביטען אויף שײנקײט און חֵן, אויף ארדנונג און רײנקײט.

איך זעה קלאָר די דאזיגע וועגן פאַר מיר. אויב הקב״ה וויל אונז שוין באַווייזען זיין חֶסד, וועלען מיר זיך שוין אַצינד נעמען גיין אויף זיי. אויב נישט, וועלען מיר זיך שפּעטער נעמען דערצו. עַל־כָּל־פָּנים אבער פיהל איך דעם חוֹב אויף מיר, צו אַרביטען דערויף צווישען אונזערע עֶהרליכע יודען, אויף ווי ווייט ס׳איז מיר נאר מעגליך.*) איך דערשרעק מיך נישט פאַר די, וואָס וועלען אַרויסטרעטען אַקעגען מיר. אַדרבא, אויב ס׳וואלט זיך בִּכְּלל ניט באַוויזען קיין הִתנַגדות אדער ס׳וואלט אויסגעקומען צו שוואַך, וואלט מיר געווען אַ חידוש. איך רעכען מיך מיט אַ ניש־קשהדיג הִתנַגדות און איך פאַרשטיי דאָס, נאך איידער ס׳האט זיך אָנגעהויבען. אויף ווי ווייט ס׳וועלען דערביי זיין אונטערגעמישט שלעכטע כַּוָונות, וועט מיך עס נישט אַרען — וואָרין וואו איז פאַראַנען אַ זאַך, ביי וועלכער ס׳זאלען ניט זיין אונטערגעמישט קיין שלעכטע כַּוָונות? און אויף ווי ווייט דאָס הִתנַגדות וועט זיך סומך זיין אויף אַן אֶמתען אומצוטרוי — פאַר־וואָס זאל איך ניט קאנען פאַרשטיין, אַז די מענטשען האבען ניט קיין צוטרוי צו מיר דערפאַר, ווייל איך קום פון דער מַחנה, וואָס ניט בְּחינם האַלטען זיי זי פאַר דער מַחנה פון זייערע שׂונאים? און פאַרוואָס טאַקי זאל איך ניט קאנען וואַרטען, ביז ווען אַפילו די אומצוטרויאישטע וועלען זיין זיכער, אַז זיי מעגען מיר געטרויען, און ביז ווען דאָס גרויסקייט פונ׳ם ענין וועט זיי טאַקי האָבען אָנגעכאַפּט ביים האַרצען?

וואָס ס׳איז אָבער שייך צו די פאַרשיידענע סארטען און גראַדען יודען עֲבוֹדה־זָרהניקעס — איז אֶפשר מעגליך, אַז איינציגע גרופּעס פון זיי וועלען זיך אַמאָל אומקערען צו דעם לעבעדיגען, ניט פאַרהיידישטען יודישקייט, צוליב פון וואָס עס זאָל ניט זיין פאַר סיבות — אֶפשר טאַקי צוליב דער פּעולה פון די מאַסען עֶהרליכע יודען, וואָס וועלען זיך האָבען גענומען ריהרען. ס׳איז אויך מעגליך, אַז יחידים, וואָס אומבאַוואוסטזיניגערהייט ווילען זיי שוין לאַנג זיך אומקערען, וועלען קומען צו מיר — נו וועל איך זיי אַוודאי מְקַבל פָּנים זיין מיט גרויס פריוד. נאר זאל מען ניט מיינען, אַז איך בין אויסען, פרום צו מאַכען אונזערע עֲבוֹדה־זָרהניקעס. אַז אָסור. איך וויל דאָ גאָרנישט, נאר מִכּלוֹמרשט

*) אין ווינטער תרע״ו האב איך אנגעהויבען, מיך אומצוקוקען נאך חברים פאר מיין שטרעבונג און ס׳האט זיך מיר ניש־קשהדיג איינגעגעבען. נאר די מלחמה און די פארקעהרס־מניעות נאך דער מלחמה, וואס עד היום האבען זיי נאך אלץ נישט אויפגעהערט, האבען שטארק געשטערט. אצינד האף איך, אז באלד וועלען ניט זיין קיין צו גרויסע שטערונגען. דעמעלט וועלען מיר ארויסטרעטען פאר אונזער פאלק. געבענדיג זיך דעם נאמען „העולים״, ווילען מיר בשותפות שטרעבען צו קדושה, מיט א הייסער כוונה ארביטען אויף משיחן. מיר ווילען אוועקשטעלען פאר זיך סיגים אקעגען דעם עולם־הזה, און פערזענליכע און צייטליכע ארגאנען, אונטערצושפארען אונז אויף אונזער שווערען עולם־הבא־וועג און מיר וועלען נעמען איבער זיך אן אינסטיטוציע פון שומרי אמונה, לויט איהר ארדענונג און לויט איהרע תקנות. אויף אזאן אופן ווילען מיר פרואווען צו טון דעם אויפטו פון הייליגען זיך, כאטש צווישען זיך גופא. וואס איז שייך די אנדערע עהרליכע יודען, איז ארויס א ביכעל „דברי העולים״ אויף לשון־קדוש און באזונדער איבערגעזעצט אויף יודיש (ביי מאקס היקעל אין ברין, טשעכאסלאוואקיי), וואס ווענדט זיך צו דער גלייביגער יודישער וועלט, זי זאל העלפען ביי דער ארביט, נעמען א חלק אין אונזער עלי׳. מיר דערווארטען, אז דער כוח פון ביישפיל וועט האבען זיין פעולה און מיר האפען, אז ס׳וועט קומען די צייט, און אפשר וועט עס גארניט לאנג געדויערען, וועלען אלע יראים ווערען „עולים״. (אדר תר״פ)

געזעגענען זיך מיט זיי — מיט זיי און מיט זייערע בלאנדזשענישען, פאַר וועלכע איך נעם אויף מיר אַ גיש־קשהדיג שטיק פון אַחריות — און דערביי זיי אפען זאָגען, וואָס איך טראַכט און וואָס כ'האב בדעה צו טון, אפשר אויך נאך געבען זיי צו פיהלען, אַז זיי שאַצען ניט אָפּ, לויט ווי ער פאַרדינט, דעם כוח פון עהרליכע יודען, וואָס שלאָפט אַפילו נאך אַצינד, נאר טאַקי דעריבער וועט ער באַלד זיין אויסגעשלאָפען. כ'בין לחלוטין ניט אויסען, צו וועלען צוריקרופען די, וואָס זיי זענען שוין אַזוי ווייט פאַרד קראָכען, אַז זיי קאָנען מיך מעהר ניט הערען, אדער די, וואָס זענען אַפילו שוין געבוירען געוואָרען אדער אויסגעוואַקסען דאָרטען, וואו אַהין ס'דערגייען מעהר ניט מיינע ווערטער, אדער די, וואָס זענען נאך פרישע אַפיקורסים, און דעריבער, וואָס איך זאָל זיי ניט וועלען זאָגען, וועט עס ניט זיין דאָס, וואָס מען האט זיי אויס־געלערנט און וואָס זיי האָבען עס ליב צו הערען; כ'ווייס, אַז איך קאָן זיי ניט געבען אַזוינס, אַקעגען וועלכען זיי האבען זיך ניט קיין סך צו שפאַרען. און דעריבער וועט מיר אויך זיין גאָר אַלץ־איינס, אויף וואָסער אַן אופן זיי וועלען אַרויסווייזען, אַז זיי זענען ניט מַסכּים אויף מיין אַרויסטרעטונג. צי זיי וועלען רעדען אדער שווייגען, פאַר־שטייען אדער קוועטשען מיט די פּלייצעס, באַטראַכטען זיך אדער אָפּשפּעטען, אין חרם אַריינלייגען אדער האָבען רחמנות, זאָגען זיסע ווערטאַלעך אדער זידלען, שאַנעווען אדער סטראַשען — איך וועל מיך בשום אופן ניט אַריינלאזען אין קיין וויכּוחים מיט זיי, איך וועל זיי הערען גלייך זיי וואלטען געווען מענטשען פונ'ם מַזל מאדים, גלייך אַזוינע וואלט אַרויף אויפ'ן זינען, צו פאַרלאַנגען פון מיר אַ דין וחשבון, צו זיין אין כּעס אויף מיר אדער חוזק צו מאַכען פון מיר. אין מיין וועלט וועלען זיי ניט קומען מיט זייערע ווערטער, מיט זייער כּעס און מיט זייערע וויצען. אין זייער וועלט וועל איך זיי לאזען, אָהן שום קנאה, צו בַעל־בַּתעווען אויף איהר. לאזען זיי נאר ווייטער מאַכען, וואָס זיי האבען ביז אַצינד געמאַכט — איטליכער לויט זיין באַזונדערען נוסח. לאזען זיי ווייטער טאָג־טעגליך איבער־אַ־ניים אַראָפּוואַרפען דעם אייבערשטען פון זיין שטוהל און פארט ניט קאָנען מאַכען אוים גאט אין דער וועלט, אדער פון צייט צו צייט פּרוּווען איבערצוטאקען איהם בּצלמיהם ודמותיהם היקרים און אַלץ איבער־אַ־ניים זיך אַרויס־ווייזען דערביי פאַר פאַרטאַטשעס; אדער (לויט דער מאדע און אפילו ניט לויט דער לעצטער) גיין איהם זוכען אינ'ם געדיכטען וואַלד פון זייערע מליצות, גאָרניט האָבענדיג בדעה צו געפינען איהם. אדער דרשענען אין זיין נאָמען, און דעם נאָמען גופא קיינמאָל ניט דערמאַנען, שטענדיג אויסדרייענדיג זיך מיט אַנדערע ווערטער, כּדי זיי זאלען על־כּל־פּנים האָבען אַ טַענה אַקעגען די אייגענע געוויסענס! לאָזען זיי נאר ווייטער העלפען מאַכען מרידהלעך אַקעגען דעם ווילען פון הקב"ה מכּוח די מענטשען, און דערביי בלאָזען פון זיך, גלייך ס'וואלטען געווען איבערקעהרענישען; לאזען זיי ווייטער מיינען, אַז זיי קאָמאַנדעווען די היסטאָריע, בשעת זיי שרייען נאר איבער די געוואַלדען פון איהרע גאַסען־יונגען מיט זייערע געוואַלדען; לאזען זיי ווייטער אַריינשפּייען אין דעם ייַכעל פון דער היסטאריע און דערנאָך אַליין עס מוזען אויסטרינקען; לאזען זיי ווייטער, פאַר אַנדערע און פאַר זיך, שפּילען די ראָליע פון פּראגרעסיסטען און גוטע מענטשען, בשעת

אין תוך גענומען גאַרען זײ נאר נאָך מאַכט אדער זענען בְּכָבוֹדע מענטשען אויף אַזאַ װאלװלען און סכעמאַטישען שטײגער, אַז מען מוז מוֹחל זיין די. וואָס וועֶרען בעסער רְשָׁעִים אדער כאטש אַכְזָרִים, אײדער זיך אָפּצולעֶרענען פון זײ; לאזען זײ נאר ווייטער זיך פארען אין אַלע טעאַטעֶרען, פּארטראַגס־זאַלען און צייטונגען, און פאַרמעֶקלערען און פאַרנאַרישען זײער לעֶבען, זײער וויסענשאַפט, זײער קענטשאַפט און דאָס לעֶבען, דאָס וויסענשאַפט און דאָס קענטשאַפט פון די אַנדערע; לאזען זײ זיך נאר ווייטער מוטשען דעם קאפּ וועֶגען דעם יודישען פּראבלעֶם; לאזען זײ נאר ווייטער אויסמעקען דאָס יודישע פאלק פון דער פעלקער־רְשִׁימָה, סיי מיט זיין גאט סיי אָהן זיין גאט; לאזען זײ נאר ווייטער זיצען, וואו מען האט זײ נישט געבעֶטען זיצען, אבער אַנטלויפען פאַר זיך אַליין; אדער לאזען זײ ווייטער געֶבען רְשׁוּת דעם יודישען פאלק, צו לעֶבען, אבער זעֶהן, עס איבערצומאַכען אַזוי, אַז זײ זאלען זיך ניט דאַרפען שעֶמען מיט איהם פאַר דער היינטיגער מאדערנער וועלט, וואָס זי איז אַזוי „קלאָר" געווארען און האט אַפָּנִים די אײנציגע סגולה, ווי־אַנאָך גליקליך צו וועֶרען. און לאזען זײ דערביי ווייטער קוקען אויף זײערע פרעמדע סענזאַציעס און גלוסטעֶנישען, גלייך זײ וואלטען געוועֶן דער פאַרלאַנג פונ׳ם פאלק, און אַמאָל אויך פון זיין מְכֻלוֹמרשט קאנסטיטוציאנעלען גאט! לאזען זײ ווייטער טון אַלדינגס, וואָס ס׳גלוסט זיך זײ, די פאַרבלאנדזשעטע, מיט זײערע פאַרפּלאנטערטע ווארצלען! — — — וואָס אַרט מיך עס. איך האב געפונען דעם וועֶג צוריק צו יודישקייט, איך ווייס, אַז זײ וועלען גאָר נישט פועלען, אַז גאט וועט בלייבען גאט און יודען דאָס פאלק, וואָס ער האט זיך אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער.

שפּעטערדיגע הערות צו „גאטס פאלק".

בכלל האט מיין ביכעל „גאטס פאלק" נושא חן געווען ביי די יראים, וואס האבען עס געלייענט. נאר ווייזט אויס, אז ס'איז זיי דערביי געפעלען געווארען, אחוץ מיין שארפער קריטיק אקעגען די „היידישע יודען", נאר דאס, וואס ס'האט זיך מיט מיר געטראפען אזא מאדנע מעשה: א מענטש זאל פארברענגען א גאנץ לעבען מיט העלפען באשאפען א יודישקייט אהן אמונה און דערנאך גיין און ווערען א מאמין און מיטן גאנצען כוח פון א פרישער אמונה זיך נעמען מלחמה האלטען אקעגען דעם אלטען אומגלייביגקייט. דעם אנדערען תוכן פון דעם ביכעל, דאס, וואס עס שטייט אין איהם מעהר פון קריטיק און ווידוי, האבען זיי אדער אין גאנצען ווי נישט געזעהן אדער מיט א שמייכעל מבטל געווען, ווי איינער זאגט: צוליב דיין שיינעם עיקר־אויפטו בין איך דיר מוחל.

אבער כ'האב דאך געשריבען מיין קריטיק און מיין ווידוי דווקא פאר די „היידישע יודען". — אמת, ניט כדי זיי פרום צו מאכען, אזוינס האב איך ניט געוואלט אפילו פרוווען, נאר כדי זיי צו זאגען דעם אמת און זיך צו געזעגענען מיט זיי. פאר די יראים איז דאס אפשר געווען גוט אויף צו שטארקען זייער אמונה, און די דאזיגע פעולה קאן מען אויך נישט אוועקמאכען מיט דער האנט. נאר פון דעסטוועגען, אויב איך וואלט טאקי ניט געווען געהאט זיי צו זאגען מעהר ווי אז זיי זאלען זיך פיהרען יודיש, וואלט איך בעסער געווען געשוויגען, ווארין זיי דארפען דאך אוודאי ניט אנקומען צו מיר, איך זאל זיי ערשט מוזען דערמאנען און מינטערען. צו זיי בין איך דאס דווקא געקומען מיט גאר אנדערע, וויכטיגערע ענינים. נאר פארנומענע מיט דער סענזאציע פון מיין ארויסטרעטונג, האבען זיי ניט אכטונג געגעבען דערויף.*)

הייסט עס, מיין ביכעל האט נישט זוכה געווען צו דער פעולה, וואס איך האב געוואלט פועל זיין מיט איהם, ווען איך האב עס ארויסגעגעבען. ליגט אויף מיר דער חוב, נאך אמאל אונטערצושטרייכען, כאטש מיט א פאר ווערטער, מיט וועלכע ענינים איך בין אויסען געווען דער־עיקר צו פאראינטערעסירען אונזערע יראים, און צו ענטפערען מיט עטליכע הערות און הוספות אויף די טענות און ספקות, וועלכע האבען זיך פארט געלאזט הערען בנוגע צו די דערמאנטע ענינים.**)

*) בפרט אינ'ם קאפיטעל „וואס מען דארף אויפטון" און אין דעם ביכעל „דברי העולים" (פארלאג מאקס היקל, ברין, טשעכאסלאוואקיע) אין די מאמרים „עת לעשות" און „דברי העולים" (אין דער דייטשער אויסגאבע פון „גאטס פאלק" זענען צוגעגעבען פאר הוספות די דאזיגע מאמרים, איבערגעזעצטע אויף דייטש).

**) ס'טוט מיר באנג, וואס איך קאן דא נישט דרוקען אלע פּראקטישע פּרטים, וואס וועלען געבראכט ווערען אין מיינע וויטערדיגע פובליקאציעס. (אויף דעם ארט האב איך געזאגט אין דער דייטשער אויסגאבע, אז דערווייל וועלען די וויטערדיגע פובליקאציעס מן־הסתם ארויסגייען קודם אויף לשון־קודש און אויף יודיש. נאר צוליב טעכנישע סיבות וועלען זיי, לויט ס'זעהט אויס אצינד, ארויסגייען אויך קודם אויף דייטש).

נאר קודם וויל איך מיך נאך בכלל אפשטעלען מיט א פאר ווערטער אויף דעם אנצוהערעניש, אז אין תוך געגומען האב איך גארניט געזאגט, וואס עהרליכע יודען ווייסען נישט שוין פון לאנג. אויב דאס מיינט נאר, אז ס'איז מיר קיינמאל נישט אויפן זינען ארויף, אראפצוגייען פונ'ם וועג פון תורה שבכתב ושבעל פה, אפילו נאר אויף איין טריט, בין איך אוודאי מסכים. אויב דאס מיינט אבער מעהר, בין איך ניט מסכים, ווייל ראשית פארלאנג איך פונ'ם כלל, ער זאל נעמען אויף זיך ווירקליכע אחריותען דארטען, וואו מען האט ביז אהער ארויפגעווארפען דאס גאנצע אחריות אויף דעם יחיד; שנית, פארלאנג איך, אז דאס, וואס מען קאן עס ביז אהער נאר אינ'ם געשטאלט פון פרינציפען, זאל אנגעמען דאס געשטאלט פון מעשים, און דריטענס, ווייז איך וועגען אויף צו ארביטען, וואס ביז אהער זענען זיי נישט געוויזען געווארען.

*　　　*　　　*

בלי שום ספק ווייסט יעדער עהרליכער יוד, אז ס'ליגט אויף איהם דער חוב, מקיים צו זיין אלע מצוות, מיט וועלכע דער אייבערשטער האט אונז מזכה געווען, און ער סטארעט זיך אויך, זיי מקיים צו זיין, און אוודאי איז איהם אויך קלאר, אז מיר זענען ארומגערינגעלט מיט נסיונות און אז ס'טרעפען זיך אלץ איבער א ניים יודען, וואס זענען צו שוואך, כדי זיך צו קאנען שפארען אקעגען די נסיונות. נאר דאס אומגליק איז, וואס ביז אצינד האט דער כלל טאקי געלאזט דעם יחיד ביחידות, ניט פארשטאנען, אז ער דארף איהם העלפען זיך שפארען, ניט געהאלפען איהם. דארטען, וואו ס'זענען קליינע גרופעס און קליינע פארהעלטעגישען, ווי למשל ביי דייטשע יודען, האט ער אמאל געלאטעט דעם חורבן (למשל די „שומרי־שבת"־ארביט); דארטען אבער, וואו ס'געפינען זיך מאסען און די פארהעלטענישען זענען פארפלאנטערט און וואו מען קאן נאך ראטעווען א גאנץ פאלק (די מזרח־יודען) פון די נסיונות פון דער וועלט און פון דער צייט, האט ער זיך באנוצט מיט דער מעטאדע פון דער „פאסיווער רעזיסטענץ". אבער די נסיונות גופא האט ער פשוט געלאזט וואקסען. אין ערגיץ האט ער זיך ניט גענומען דערצו, צו מאכען די וועלט און די צייט פאר דינסטען פון די מצוות. דווקא דאס אבער פארלאנג איך איצטערט פון איהם, זאל ער טון: אז פון זיין נישט־טון און פון זיין באקוועמקייט זאל ער זיך שוין אמאל אפזאגען. סגים — אויף טון און אויף ניט־טון — פארלאנג איך פון איהם און פאר איהם, כדי ער מיט אלע זיינע יחידים, זאלען נישט מוזען אדורכגייען דורך טויזענטער נסיונות, וואס מען קאן זיי אויסמיידען. „און אויב ס'איז אויך אמת," — זאג איך אין „גאטס פאלק" (זעה אויבען זייט 33) — „אז עהרליכע יודען, כאטש זיי זענען געטרייע, האבען פון דעסטוועגען ניט געטראכט, צו באשאפען סגים פאר דער גאנצער כנסת ישראל, וועלכע זאלען זי קאנען שטארקען אקעגען די נסיונות פון דער וועלט און פון דער צייט — טא דארפען זיי אצינד באשאפען די דאזיגע סגים, טא דארפען זיי אסרען אלדינגס, וואס איז בכוח, אפצושוואכען איהר יודישקייט און איהר טאלאנט אויף צו היילינגען זיך און דארפען מאכען פאר א מצות עשה אלדינגס, וואס איז בכוח, צו שטארקען די דאזיגע מידות. דעמעלט דארפען זיי קוקען אויף איטליכען מין אפזאגען זיך פון א שטיק יודיש לעבען און פון איטליכען מין

בלייבען אין אַ מַצבֿ, וואָס העלפט צו צו בְּגִידה און צו פּאַרה׳׳דישט ווערען, ווי אויף אַן איסור, און דאַרפען מאַכען פאַר מִצוות עֶשה אַלדינגס, וואָס לאזט ניט צו קײן נִסיונות צו יודען. דעמעלט דאַרפען זײ אַסרען די גרויסע שטעט, דעם עיקר־מְקור פון דער עֲבודה־זָרה, און דאַרפען אַוועקשטעלען פאַר אַ מִצוה דאָס אומקערען זיך צו דער עֶרד־אַרבּיט, ווי צו אַ שטיקעל גאַראַנציע, אַז יודען וועלען זיך האַלטען ביחִידות און וועלען זיך הײליגען. דעמעלט דאַרף זיין זײער שײכות צו אַלע עיקר־ענְיָנים פון יִשובֿ און פּרנָסה, פון לְבוש, לָשון און חינוך ווי צו אֱמונה־זאַכען, צו די אײנע ווי צו איסורים, צו די אַנדערע ווי צו מִצוות." און וואָס עס זענען אַזוינס עיקר־ענְיָנים, דאָס רעכען איך אויס אין „דִבְרי הָעולים" (מַאמר „דִבְרי הָעולים", ד׳) *). די אבער, וואָס חידושען זיך אויף געוויסע תּבִיעות, ווי לְמָשל אויף די תּבִיעות, וועמעס

צוועק עס איז, אָפּצוהיטען דעם קִיום און כָּבוד פונ׳ם יודישען לְבוש און פון די באַזונדערע יודישע לְשונות; וואָס פאַרשטײען נישט, אַז די דאזיגע תּבִיעות טאָרען ניט אויספעהלען אין אַ שיטה, וועלכע זאל פאַרזיכערען דאָס יודישע לעבען אַקעגען דעם ווילדען וואַקסען און דעם עַזות פונ׳ם עולם־הַזה — זאָג איך אפען און פָּשוט, אַז זײער גאַנץ טראַכטען וועגען דעם גורל פון יודען און יודישקײט דרײט זיך נאך אַלץ אַרום דעם אָרימען יודישקײט פון די עטליכע יודישע פאסטענס אין מַערבֿ, און נישט אַרום דעם רייכען יודישקײט פונ׳ם גרויסען יודישען חַייל אין מִזרח; אַז זײ האבען זיך נאך נישט אויסגעלערענט, אָפּצושאַצען כְּערכן די אויפהאַלטענדיגע און אין אײנעם אויפבויענדיגע כּוחות פון די באַזונדערע פאַרימס פון לעבען, וועלכע זענען אויסגעוואַקסען ביי די מִזרח־יודען אויף דעם יְסוד פונ׳ם לעבען עַל פּי הַתּורה הַקדושה; אַז זײ האבען נאך נישט געפּטרט די נאַרישע פאַראורטײלען פון אַ גאַסישער הַשׂכָּלה. ווייטער, ד׳, וואָס מיינע תּבִיעות בְּנוגע צו עקאָנאָמיע קומען ביי זײ אויס קינדעריש־

*) „צו וואוינען און צו באַזעצען זיך נאר אויף אַזוינע ערטער, וואו ס׳געפינען זיך באַזונדערע יודישע ישובים.

נישט צו באַזעצען זיך אין גאר גרויסע שטעט, סיידען לטובת הכלל. אויפצוציהען זיך ערד־ארביטער און צו באַזעצען זיי אויף אייגענער פריוואטער אדער געזעלשאפטליכער ערד.

צו מאכען געזעלשאפטליכע ווארשטאטען און פאבריקען פאר אונזערע ארביטער. צו גרינדען אונז קאלאניעס אין אונזער ארץ־הקדושה.

נישט אפצוזאגען זיך פון אונזער לבוש, וואו יודען האבען זיך זייער באזונדערע יודישע הלבשה, נאר זיך צו האלטען ביי איהם און אפצוגעבען איהם כבוד.

נישט אפצוזאגען זיך פון אונזער לשון, אויף די ערטער, וואו יודען רעדען אן אייגען לשון, נאר צו היטען עס און אפצוגעבען איהם כבוד.

צו מאכען לימוד התורה, תנ״ך, משניות וגמרא, צום יסוד פון דעם לערנען פון אונזערע זיהן און פון אונזערע טעכטער, אויך צו לערענען מיט זיי לשון־קודש און אלדינגס, וואס א יוד דארף וויסען, און צו געבען זיי דאס מעגליכקייט, צו לערענען די אלע זאכען און די חכמות פון דער וועלט אין א יודישער און גלייביגער סביבה.

צו שטארקען און געזונט צו מאכען אונזערע לייבער און די לייבער פון אונזערע יונגלעך און מיידלעך (און דאס נישט בדרך עזות און אומצניעות).

תּמעוואַטע, וואָס קוקען דערויף מיט דער חוצפּה פון מְבִינים מכּלומרשט — זאָג איך זיי בְּפֵירוש, אַז איך בין אויך אַ ביסעל אַ היימישער אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער קיך פון טעאָריעס — אויב נישט מעהר פון זיי, ווייניגער אַוודאי נישט — און דער חילוק איז נאָר, וואָס לויט מיין מיינונג איז נישט אֶמת, אַז היסטאָריע קאָן געקאָכט ווערען און אָהן פֶעהלערען געקאָכט ווערען נאָר אין דער דאָזיגער קיך. לאָזען זיי זיך גוט צוקוקען צו מיינע תּביעות, — אַגבֿ אורחא, פּרָטים וועל איך נאָך פּובליקירען — וועלען זיי זעהן, אַז דאָ רעדט זיך וועגען אַרביטען, וועלכע זענען זיך סומך איינע אויף די אַנדערע, און פון וועלכע מען קאָן דערוואַרטען, אַז זיי וועלען שטעלען די גאַנצע (מִזרח־) יודישע עקאָנאָמיע אויף נייע יְסודות און שטאַרקען און פאַרזיכערען דאָס יודישקייט. און די, וואָס ס׳גלוסט זיך זיי, צו דרינגען פון די היינטיגע פאַרהעלטענישען אַז ס׳איז נישט מעגליך אויסצופיהרען אַלע תּביעות, וואָס איך שטעל אַרויס, לְמָשל נישט דעם איסור, צו וואוינען אין גרויסע שטעט, — לאָזען זיי גוט איבערלייענען מיינע ווערטער, וועלען זיי זעהן, אַז לויט מיין מיינונג וועלען געוויסע תּביעות קומען מכּוח אֶל הַפּועל נאָר אין אַ סבִיבה, וועלכע וועט ביסלעכווייז אויסוואַקסען דערפון, וואָס אַלע תּביעות וועלען וואָס אַמאָל מעהר זיך פאַרווירקליכען און די הַגשָמות וועלען זיך צונויפקייטלען איינע מיט דער אַנדערער.

*　　　　*　　　　*

אֶמת, אַלע יְרֵאים ווייסען, אַז גאָט האָט אַרויפגעלייגט דעם חובֿ אויף זיין פאָלק, צו זיין איהם אַ פאָלק פון הייליגע מענטשען — ס׳שטייט דאָך בְּפֵירוש אין דער תּורה. נאָר קיינעם אַרט נישט, וואָס ביז היינט האָט קיינער נישט מְקַיים געווען דעם דאָזיגען חובֿ, קיינער האָט ניט קיין עגמת־נֶפש דערפון, קיינעם איז ניט אויפן זינען אַרויף, אַז אייגענטליך וואָלט דאָך דאָס געדאַרפט אַנדערשט זיין און וואָלט אויך געקענט אַנדערשט זיין. מיר איז עס אבער יאָ אַרויף אויפן זינען און איך קאָן בשום אופן ניט פאַרגעסען דערין. איך קאָן עס נישט אָננעמען פאַר אַ טרייסט, וואָס די מענטשען פון די אומות הָעולם ווילען דאָך אויך נישט ווערען קיין הייליגע מענטשען. וואָרין תָּמיד הערט מיין אויער גאָטס געבאָט צו מיין פאָלק. איך זעה, אַז אַפילו די געטרייסטע אַרט נישט, וואָס יודען האַלטען אין איין ניט־מְקַיים־זיין דאָס דאָזיגע געבאָט, גלייך ס׳וואָלט טאַקי אַנדערשט ניט געקענט זיין. און איך קאָן ניט גלייבען, אַז גאָט זאָל האָבען אַרויסגעגעבען לְבַטָלה אַזאַ באַפעהל — דעם באַפעהל, וואָס אין איהם, אין איינעם מיט מַתּן תּורה און מיט דעם צוזאָג פון ביאת הַמָשיח דריקט זיך אויס אונזער אויסדערוויילטקייט. איך קאָן ניט מַסכּים זיין אויף דער סתירה, וואָס מען היט נאָר אָפּ די מִצוות מַעשיות, אָבער פון דעם גרויסען חובֿ פון הייליגען זיך, פון דער מַעשה הַמַעשים האַלט מען נישט; וואָס מען איז מְרוצה צו טראָגען דעם מונדיר פון׳ם לוחם מִלחֶמת ד׳, אבער די קאָמאַנדע פאָלגט מען נישט, מען האַלט גאָר אין איין שטערען מֵכַּתּחילה די הייליגע מִלחָמה אַקעגען דער טומאה. איך קאָן ניט בלייבען רוהיג, ווען איך זעה, אַז דאָס יודישקייט האָט נישט די פּעולה, וואָס עס וואָלט באַדאַרפט האָבען, און אַז דערביי ווערט עס אָן נְשָמה־כּוחות, וואָס וואָלטען איהם געבראַכט נוצען, ווייל זיי וואָלטען איהם אומגעקעהרט

נייע פעולות. און דעריבער טרעט איך ארויס, מעורר צו זיין צו קדושה. דעריבער פארלאנג איך, אז יודען דארפען עולה זיין אין די דריי קדושות פון דעת, פון רחמים און תפארת. און כדי טאקי צו קאנען עולה זיין, אז זיי דארפען זיך באנוצען מיט באזונדערע מעטאדעס בנוגע צו יעדער פון די דריי קדושות (זעה „דברי העולים", מאמר דברי העולים," ב' און ג') *).

די דאזיגע תביעה מיינע ווערט אויפגענומען מיט די גרעסטע ספקות אפילו אין דער מחנה יראים. איך רעכען, אז אין דעם איז דער־עיקר שולדיג די טעאריע פון „דרך־ארץ", וואס האלט נאך אלץ אין איין אויסשפרייטען זיך. ביי וועמען ס'גייט אריין אין „דרך־ארץ" ניט בלויז דאס וואכענדיגע און דאס וועלטישע, נאר נאך דערצו — צי באוואוסטזיניג צי נישט באוואוסטזיניג — דאס פרעמדע, דאס, וואס ס'נעמט זיך פון אין דרויסען, פון די אומות העולם, און ווער ס'מיינט, אז מען קאן ניט אנדערשט, נאר מען מוז איהם געבען אן ארט לעבען דער תורה הקדושה, אזא יוד קאן שוין ממילא ניט גלייבען, אז שטרעבען צו קדושה זאל קאנען פיהרען צו וואס ס'איז ניט פאר א תכלית.

ווער ס'שלומפערט זיך נאך די היידישע מרידה־מאכערם און לאזט זיך פון זיי איינרעדען, אז סוף כל סוף דארף מען זיך מעהר ווייניגער געפינען אן ארט אין זייער וועלט פון תאווה, פון רדיפת בצע און פון גרויסקייטס־שגעון — וועט, פארשטייט זיך, שוין קיינמאל ניט דערגיין צו דעם התלהבות און צו דער הכנעה, וואס דאס אמתע דעת ד' איז נישט מעגליך אהן זיי. אזא מענטש וועט קוקען אויף מיין תביעה, אויסצומיידען די מהומות פון דער וועלט, ווי אויף אן אוטאפיע, פון איהם קאן מען ניט דערווארטען, ער זאל זיך אנכאפען מיט פרייד אינ'ם געדאנק פון א וועלטישקייט, וואס איז אונטערגעגעבען גאט, ער זאל זיך פלייסען, צו היילינגען זיך, ניט לאזען זיך שטערען פון מאטעריאליסטישען פאטאליזם.

ווער ס'איז מסכים אויפן „דרך־ארץ" און אין איינעם דערמיט אויף די אלע תועבות, מיט וועלכע עס פארנעמען זיך די היידישע מרידה־מאכערם, סיי די „רעכטע", סיי די „לינקע" — ביי אט אזא גוטען תלמיד פון זיינע רבים מוז אויסקומען, פארשטייט זיך, די תביעה, צו פארברייטערען די התחייבותען פון איין מענטש צום אנדערען, ווי א מליצה, וועגען וועלכער עס לוינט זיך גארנישט קיין סך צו רעדען, ער וועט קיינמאל נישט משיג זיין די תביעה, אז דער כלל דארף שטרעבען צו גוטסקייט און דארף זיך דערביי באנוצען מיט א קרן פון באזונדערע פרינציפען, מעטאדעס און ארביטען און אויך מיט די „סגנים". אזא יוד ארט עס נישט, וואס זיין ביסעל נדבה, וואס ער גיט, אדער זיין ביסעל פארען זיך אין עקאנאמישע כלל־זאכען איז ניט גובר דעם אויסענווייניגען צער פונ'ם מענטשליכען מין און אינ'ם אינעווייניגען צער ריהרט עס אפילו נישט, ער דערגייט

*) בנוגע צו דער עלי' בדעת ד' („ניט פאראן קיין דעת אהן התלהבות און אהן הכנעה"): דאס מתכוון זיין זיך צו איהם און דאס שטארקען די כוונה „דורך לערענען תורה, דורך תפילה, דורך גאטס לידער און דורך גאטס געבייען און דורך אויסמיידען די מהומות פון דער וועלט" (פאראן דריי מהומות: „אין תענוגים", „אין משא ומתן" און „אין השכלה־זאכען"). בנוגע צו דער עלי' ברחמים: דאס „פארברייטערען די התחייבותען פון איין מענטש צום אנדערען". בנוגע צו דער עלי' בתפארת: דאס „שטרעבען צו שיינקייט און צו חן, צו ריינקייט און צו ארדענונג ביי אונז און ביי אלדינגס, וואס אין אונזער רשות", נאר בלי השגת גבול פון צניעות, דעת און רחמים.

נישט צו די סאַמע טיפענישען פון רַחמים; ער ווייסט נישט, אַז חוץ דער עקשָנותדיג קאַלטער מאַדישער גלייכקייטס־טעאָריע, וואָס זי באַשאַפט טאַקי נאָך נייע אָפּשיידענדיגע תּהומות צו די אַלטע, איז נאָך פאַראַן אַ הייס רייסען זיך צו רַחמים, אַ רייסען זיך, דורך וועלכען ס׳וועלען אַמאָל אויסגעבויט ווערען די אייביגע בריקען; ער האָט פאַר־געסען, אַז גאָט האָט אַרויפגעלייגט דעם חוֹב אויף יִשׂרָאֵל, צו לייגען זיין גאַנצען כּוֹח, זיין גאַנצע לעֶבעדיגע, געדולדיגע און פאַמעליכע אַרביט אויף אָט דעם דאָזיגען אויסבויאונג.

און ביי וועמען דער „דֶרך־אֶרץ״ קומט אויס דער־עיקר פאַר אַן עסטעטיש דערגרייכונג, וואָס דאָס יודישע פאָלק האָט דערגרייכט — אָט אַזאַ יוד פאַרמאָג פָּשוט נישט דאָס אָרגאַן, כְּדֵי מַשׂיג צו זיין דאָס הייליגע תִּפאֶרת, וואָס וויל דינען דעם בּוֹרא עוֹלָמים דורך לאָזען אָפּשפּיגלען דעם כְּבוֹד מַלכוּתוֹ אויף די עִניָנים פון עוֹלם־הַזה. ער פיהלט נישט, וויפיל קְדושה ס׳האָבען פאַרלוירען יודען דורך דעֶם, וואָס זיי האָבען אַליין איבער־געהאַקט דאָס באַשאַפען אַן אייגענעם „דֶרך־אֶרץ״, אַן אייגענע וועלט מיט אַן אייגען, גאָטס־פאָלקיש, צניעותדיג שיינקייט. ער פיהלט נישט, אַז אויב ער מעֶג קומען אויך צו פרומע יודען מיטן נישט־אמתען „דֶרך־אֶרץ״, און מעֶג צונעמען ביי זיי זייער יְהִידישקייט, און מעֶג ברענגען זיי דאָס קַנָאות פאַר ווייסע קאַלנערס און כָּלערליי נאָכגעקרימטע קונצען, ווי מְכֻלוּמרשט צו לעֶבען, און מעֶג זאָגען זיי, אַז זייערע בָּתי־כּנֵסִיות דאַרפען דַווקא אויסזעֶהן ווי קלויסטערס און מעטשעטען — איז דאָס גאָר דעריבער, ווייל דאָס פרומע יודישע פאָלק האָט ניט געשטרעֶבט צו קְדושה מיט אַזאַן אימפעט, אַז עס זאָל מאַכען אָרדענונג ביי זיך, פאַרמעווען דאָס לעֶבען מיט אַ באַזונדערען יודישען חֵן און באַשאַפעֶן אַ קונסט, וואָס, בלייבענדיג אויף גאָטס דְרָכים, פאַרשפּרייט זי יִראת ד׳, דְהַיינוּ אַ קונסט, וואָס איז תִּפאֶרת און שטיצט דַעת.

* * *

נישט פאַראַן קיין איין יְרָא שָׁמַיִם, וואָס זאָל ניט ווייסען, אַז ווי לאַנג ס׳זאָל ניט גע־דויערען, דאַרפען מיר דאָך דערוואַרטען מְשִׁיחַן אין יעֶדען טאָג. נאָר איך מיין, אַז איך ווייס נאָך עפּיס, אַחוץ דעֶם, און איך וויל עס ניט באַהאַלטען ביי מיר: איך ווייס, לויט מיר דאַכט זיך, אַז די וואונדערליכע אֱמונה אין מְשִׁיחַן, וועלכער וועט קומען, כְּדֵי אויסצולייזען אונז און אַלע מענטשען פון די יִסוּרי הַחֵטא, איז איינגעשרומפּען געוואָרען אין אונזערע הערצער, און אַז אין בעסטען פאַל דערוואַרטען מיר מְשִׁיחַן נאָר פון גאָטס חֶסד, וואָס שעפּט זיך קיינמאָל ניט אויס, און ס׳קומט אונז גאָרנישט אויסן זינען אַרויף, צו אַרביטען אויף איהם, צו ברענגען איהם דורך אונזערע מַעֲשִׂים, דורך פאַרזיכערען אונזער יודישקייט און דורך עוֹלֶה זיין בְּקדושה. איך ווייס, לויט מיר דאַכט זיך, אַז מְשִׁיחַ איז פאַר אונז געוואָרען נאָר אַ וואָרט, וואָס מיר שמייכלען דערביי מיט אַ מידען און גוטען שמייכעל, אַ וואָרט, וואָס ס׳איז אַ סָפק, צי מיר שטעלען זיך עפּיס פאָר דערמיט, און אויב שוין יאָ, איז דאָס אַוַודאי ניט קיין פאָרשטעלונג, וואָס זאָל אויפקאָכען אונזער בלוט, וואָס זאָל אונז ציהען צו באַשאַפען גאַראַנציעס פאַר אונזער יודישקייט און עוֹלֶה צו זיין פון קְדושה צו קְדושה. איך מיין, אַז דער וועֶג, דאָס עוֹלֶה־

זיין, צ׳הט אונז נישט צו, ווייל ס׳צ׳הט אונז נישט צו דאָס צ׳ל, דער שפּיץ באַרג, משיח. אַז אונזערע טעג מוזען זיין טונקעל, ווייל ס׳לייכט נישט אַריבער צו זײ קײן אײן שטראַהל פון דער זון פון אַחרית הַיָמים. אין דעריבער קאַן איך נישט שווייגען. איך קאַן נישט צוקוקען צו דעם גרויסען שלאַפקײט, איך זאָל ניט וואָרינען, איך זאָל נישט פאַרלאַנגען: לערענט זיך פאַרבענקען נאָך משיחן! לערענט אַרביטען אויף איהם, און ברענגען איהם. דורך אַ פרומקײט, וואָס פאַרזיכערט זיך אַלײן, דורך שטרעבען צו קדושה! און — לערענט זיך אויסבויען אייער כּלל אויף אַזאַן אופן, אַז אייער אַרביט זאָל ווערען וואָס לייכטער און טראָגען וואָס מעהר פּירות!

* * *

כּנסת ישׂראל! אמת, נישטאָ קײן ערליכער יוד, וואָס דאָס ווארט זאָל איהם ניט זיין באַוואוסט און וואָס ס׳זאָל ביי איהם ניט זיין אָנגעלײגט. נאָר קײנער איז ניט געקומען צו דער ביטערער הַכָּרה, אַז לעת־עַתּה איז גאָרנישט פאַראַן קײן כּנסת ישׂראל, דאָס הײסט, קײנער פאַרשטײט ניט, אַז כּדי צו פאַרדינען איהר נאָמען, וואָלט זי געמוזט זיין: אַ שטאַרקער סובערענער בנין, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצען שטח פון דער יודישער אמונה און פונ׳ם יודישען לעבען, וואָס נעמט צונויף אַלע כּוחות, מיט וועלכע מען קאָן זיך באַנוצען, וואָס גרעניצט אָפּ די רשותען אײנעם פון דעם אַנדערען און וואָס שטעלט פאָר אַ שטאַרקען בונד פאַר אַ באַוואוסטזיניגער אַרביט. קײנעם איז ניט געוואָרען קלאָר, אַז דאָס, וואָס אונזער גייסטיג און אַפילו אונזער וועלטיש כּלל־לעבען האט אַזויפיל פעהלערען, נעמט זיך דער־עיקר פון דעם דאזיגען פעהלער: אַז די נסיונות פון דער וועלט זענען אונז לייכטער גובֿר, אַז מיר זענען שווערער עולה בקדושה, אַז דאָס קלאָרע און לייכטענדיגע געשטאַלט פון משיחן ווערט אונז צורונען אין נעפּעל דערפאַר, ווייל מיר האבען ביז אַצינד ניט באַוויזען צו מאַכען פון אונזער גאָטס־פאָלק די כּנסת ישׂראל; אַז מיר קאָנען אויך נישט האָבען קײן וועלטישע הַצלחה, ווייל, זייענדיג אַ פאָלק מיט אַ גייסטיגען יסוד, וואָלטען מיר געקאָנט שעפּען אַ לעבעדיגען כּוח נאָר פון צונויפנעמען זיך אויף דעם סמך פון אמונה, און דַווקא דאָס האבען מיר דאָך ניט אָנגעהויבען צו טון. קײנעם, קײנעם זעה איך נישט, וואָס זאָל וויסען דאָס אַלדינגס! איך זעה נאָר, אַז אַפילו די בעסטע מוטשען זיך אָפּ מיט אַ „אמונה־געזעלשאַפט", וואָס זי האט נישט קײן אינעווײניג פעסטקײט און ניט קײן שליטה איבער איהרע חבֿרים, און אַז ס׳קומט זײ ניט אויפן זינען אַרויף, אויפצובויען אויף איהר אָרט די כּנסת ישׂראל, די אײנ־אײנציגע, די גרויסע, וואָס נעמט אַלעמען אַרום און טוט אויף אַלדינגס, וואָס מען דאַרף אויסטון. און דעריבער קאָן איך ניט אַנדערש, נאָר איך מוז אַרויסטרעטען און מוז מַזהיר זיין: בויט! בויט אויף די כּנסת ישׂראל! די יודישע כּלל־ענינים פיהרען זיך היינט, אַפילו ביי די אמתע יראים, אויף דעם אופן פון אַנאַרכיע און צופּיצעלטקײט. אַזוי קאָן דאָס ניט בלייבען. אויב דער כּלל־ישׂראל וויל זיך אַרומרינגלען מיט כּלל־סײַגים און וויל נעמען אויף זיך די אַרביט פון הײליגען

דאָס פאלק, ווי ער ווערען, ווי איך האב עס אָנגערופען, אַ שטאַרקער סובערענער בנין און ער קאָן דאָס ווערען נאר דעמעלט, ווען ער טײַלט אָפּ די גרויסע אַרביט, וואָס וואַרט אויף איהם, צו באַשטימטע רשותען. די אַרביט טאָר מעהר נישט געטון ווערען בלויז פון מענטשען, וועלכע קומען צו איהר נאר על־פּי־מקרה, אַרביטען טאָרען מעהר נישט אויסגעמישט ווערען אײַנע מיט דער אַנדערער, און מען טאָר מעהר ניט אַרביטען בלויז אין דער קהילה און פאַר דער קהילה. און פון דער אַנדערער זייט טאָרען די רבנים ניט בלייבען דאָס, וואָס ס'איז פון זײַ געוואָרען — אויף אַ היפּשען טײַל אויך צוליב פריהערדיגע אײַגענע פעהלערען — אין די לעצטע הונדערט יאָהר: יתומדיגע משרתים פון קהל, קנעכט — האַלב בעל־כּרחם, האַלב מיטן גוטען ווילען — פון קהלשע תּקיפים, פון שלעכטע, און אַמאָל אויך פון גוט־האַרציגע, און אין אײַן צייט איינגע־שפּאַרטע עקשנים אין די ענינים, אין וועלכע זײַערע האַרען האבען נישט קײַן אַמביציע צו מישען זיך. איך פאַרלאַנג, אַז פאַר די פאַרשידענע אַרביטען פון איינהײַטען די אמונה און פון הײַליגען דאָס פאלק זאלען באַשאַפען ווערען אויטאנאמע אינסטיטוציעס („צוועק־אָפּטיילונגען"), יעדע אײַנע איינגעאָרדענט לויט אײַהרע פאַרשידענע ענינים און מיט די נײַטיגע מדרגות פאַר איהרע רשותען („דברי העולים", מאמר „דברי העולים" ה')*).

ווייטער פאַרלאַנג איך, אַז דאָס רבנות זאל איבערגעמאַכט ווערען אויף אַן אינסטיטוציע, וועלכע זאל פאָרשטעלען דעם מוח און די האַנט פון דער כּנסת ישראל, וועלכע זאל זיין אַ צענטער פון גײַסטיגע מנהיגים, ניט אָנקומענדיג ניט צו יחידים און ניט צו די מאַסען, וואָס נאר זײַ זאלען האָבען די שמירה פון דעם אוצר האמונה („דברי העולים", מאמר „דברי העולים" ה')**).

אַקעגען די „צוועק־אָפּטיילונגען" זענען ביז אַצינד ניט געוועזען קײַן טענות, נישט בּפירוש און נישט בּרמז. דאָס נעמט זיך אַפּנים דערפון, וואָס גראָד אויף

*) דהיינו פאר די עניגים פון עבודת הבורא, בפרט אויף אפצוהיטען און מנהיג צו זיין בתי־כנסיות, בתי־מדרשים און אנדערע הייליגע ערטער. חוקר צו זיין, אפצוהיטען און צו ארדענען דאס באזעצען זיך, די מלאכות און פרנסות. צו פארנעמען זיך מיט די עניגים פון די קאלאניעס אין ארץ־ישראל. אפצוהיטען און צו ארדענען די עבודת־הרחמים צווישען כלל. אכטונג צו געבען אויף תפארת צווישען פאלק, אי מכוח דעם גוף, אי מכוח חפצים, מכוח הלבשה (בפרט מכוח דעם באזונדערען יודישען לבוש) מכוח דעם גאנצען פיהרען זיך, און מעהר פון אלץ מכוח עבודת־הבורא. חוקר צו זיין און אפצוהיטען די לשונות פון יודען. צו פארנעמען זיך מיט אלע עניגים פון חינוך. אין א יעדער פון די דאזיגע אפטיילונגען זענען פאראן ועדים. ועדים אויפן ארט, פון באצירקען, פון פראווינצען, פון לענדער און א ועד ראשי.

**) פון די עיקרים פאר איינארדענען די אינסטיטוציע פון די היטער פון דער אמונה (שומרי האמונה):

„די היטער פון דער אמונה זענען איינגעארדענט אין כנסיות: פאראן כנסיות אויפ'ן ארט, פון באצירקען, פון פראווינצען, פון לענדער און א כנסת ראשית. די כנסת ראשית איז איבער די כנסיות פון לענדער, זיי זענען איבער די כנסיות פון פראווינצען א' א' וו'".

„יעדען היטער פון דער אמונה (שומר האמונה) נעמט אויף און איז משלח נאר די כנסת, וואס איז איבער זיין כנסת, און ער נעמט אויך זיין געהאלט נאר פון דער דאזיגער העכערער כנסת און פון דעם ועד, וואס העלפט איהר.

זײ האָט מען געוואָרפן דעם קלענסטן חשד. נאָר וואָס דער אמת, פאַרדינען זײ גאָרנישט דעם גרויסן „צוטרוי“. זײ ריהרען אַפילו נישט אין דער קהילה, וואָס איז טאַקי די אײביגע „צעלע“ פונ׳ם יודישען לעבען, אבער זײ ריהרען אין דער עוולה, וואָס מען האָט זיך נישט באַנוגענט צו לאָזען לעבען די צעלע, נאָר געלאָזט וואַקסען אויף ווילד־פלײש׳ וואָס מען האָט אין גאַנצען פאַרגעסען, אַז איבער אַלע קהילות איז פאַראַן יודישקײט אין יודען און אַז פאַר זײ דאַרף מען אויך אַרבײטען אַזאַ אַרבײט און באַשאַפען אַזאַ אַרבײטס־מעגליכקײט, וואָס גײט אַריבער די אינטערעסען און די מיטלען פון די אָרטיגע קהילות. זײ ריהרען אין דעם קלות־ראש, מיט וועלכען מען האָט אויסגעבראַכט מאַסען פון לעבעדיגע יודישע כּוחות דורך דעם, וואָס מען האָט זײ ניט גערופען צו דער אַרבײט אָדער נישט געשטעלט צו דער אַרבײט דאָרטען, וואו ס׳וואָלט געווען זײער אָרט לויט זײערע כּשרונות. זײ ריהרען אינ׳ם בלינדקײט, מיט וועלכען מען האָט איבערגעלאָזט דעם גורל פון יודישקײט און פון כּלל־ישׂראל אויף פּריוואַטען באַראָט און נישט געשטרעבט צו דער שטאַרקסטער און נאַטירליכסטער ישועה דורך דער סובערענער כּנסת ישׂראל.

דאָס רובֿ טענות איז אויפגעהויבען געוואָרען אַקעגען דער אינסטיטוציע פון שומרי האמונה. דער־עיקר זאָגט מען, אַז זי וואָלט געווען אַ פרעמדע, אַ נישט־יודישע אינסטיטוציע. איך זאָג, אַז זי וואָלט דאָס נישט געווען. איך מײן: אַפילו ווען עטליכע טעכנישע אויסענווײניגע פּרטים איהרע זאָלען שוין יא זײן אַזוינע, אַז, אָנקוקענדיג זײ, מוז מען זיך דערמאַנען אין געוויסע אומות־העולמדיגע אינסטיטוציעס — איז דאָס פאָרט ניט אַזאַ אַנאַלאָגיע, וואָס אין איהר איז באַהאַלטען וואָס ס׳איז ניט פאַר אַ סכּנה, וואָס מען האָט זיך פאַר איהר צו דערשרעקען און וואָס פּאַסט פאַר אַן ערענסטער טענה. ניטאָ קײן סכּנה, ווײל בײ אונז זענען דאָך פאַראַן באַזונדערע באַדינגונגען מכּוח דעם תּוכן אמונה, מכּוח דעם מהות פון די מענטשען, מיט וועלכע מען האָט זיך צו רעכענען א׳ אַ׳ וו׳, ובכן מוז די אינסטיטוציע בײ אונז אויסוואַקסען גאָר אַן אנדערע ווי בײ די אומות העולם. ניטאָ פאַר וואָס זיך צו דערשרעקען, ווײל מען קאָן אָנווײזען אויף אַזוינע אַנאַלאָגיעס צו דער פרעמדער ניט־יודישער וועלט אויך בײ די עלטסטע און חשובֿסטע פאָרמעס פון אונזער אמונה. ניטאָ קײן ערענסטע טענה, ווײל אויב יא, וואָלט מען זי דאָך אויך געמוזט אַרויסשטעלען אַקעגען די אַלטע סנהדרין. אויב ס׳באַנוצען זיך אבער אויך יראים מיט דער דאָזיגער אַנאַלאָגיע, מײן איך, אַז אומבאַוואוסטזיניגערהײט פאַרדעקען זײ מיט איהר נאָר די אמתע סיבה פון זײער התנגדות. און די דאָזיגע אמתע סיבה געפין איך אין דעם, וואָס די סבֿיבֿה פון די „הײדישע מרידה־מאַכערס׳ האָט איהר פּעולה אויך אויף זײ, וואָס עס ווירקט אויך אויף זײ די אַגיטאַציע פון „הײדישע מרידה“־ביכער און ־צײטונגען אַקעגען איטליכען מין דיסציפּלינירען דאָס פאָלק, בפרט אַקעגען אַ בשותּפותדיגער רעליגיעזער דיסציפּלין, הײסט עס, אַקעגען דעם נעמען מיליאָנען מעהר ווײניגער ישוואַכע יחידישע נשמות און מאַכען פון זײ אַ שטאַרק גײסטיג אײנקײט מיט די פײנסטע געקליבענסטע גײסטיגע פיהרערס בראש. ניט בחינם, וואָס אויסגערעכענט יראים שטעלען אַרויס אַקעגען דעם געדאַנק פון אַן אינסטיטוציע שומרי אמונה אויך די טענה, אַז ער איז סותר דעם דעמאָקראַטיזם פון יהדות.

דערבײַ ווײס איך, אַז די דאָזיגע אינסטיטוציע, וואָס איך פאַרלאַנג, וועט מוזן האָ־
בען פעֶהלערען און אַז ס'וועלען פון איהר אויך אויסוואַקסען סכָּנות. נאר איך
מײן, אַז פון די אַרגסטע פעֶהלערען און סכָּנות קאנען מיר זיך אויסהיטען און דאָס ביסעל,
פאַר וועלכען מיר קאַנען זיך ניט אויסהיטען, איז נאך אַלץ בעסער פון די סכָּנות און
פעֶהלערען, וועלכע קומען אַרויס דערפון, וואָס דער „היידיש־מְרידהשער" אינדיווידואַליזם
פאַרגרעבט און פאַרדאַרבט דאָס פאלק. מִלחָמה האַלטען אַקעגען דעם דאָזיגען דַם־שׂוֹנא
פונ ם יַהדות און יודישקײט, דאָס איז דאך פאַרט דער עיקר.

פאַרשטײט זיך, אַז באַקלעֶרענדיג מײנע תּבִיעות האב איך מיך צום סוֹף אויך אַלײן
געמוזט פרעֶגען: וויאַזוֹי זאלען זײ מְקוים ווערען? וויאַזוֹי זאלען יודען
דערגרײכען צו אַ פרייער, פאַרפעסטיגטער און אײנגעאָרדענטער אינסטיטוציע פון „שׁוֹמרי
אֱמונה. וויאַזוֹי זאלען זײ דערגרײכען צו די אַנדערע אויטאָנאמישע אינסטיטוציעס („צוועק־
אָפּטײלונגען")? וויאַזוֹי זאלען אײנגעפיהרט ווערען די כּלַל־סְגָנים, און ווען זײ וועלען
שוֹין זײן אײנגעפיהרט און ס'וועלען אויך שוֹין זײן אײנגעאָרדענט אַלע אינסטיטוציעס,
וויאַזוֹי זאל דאָס פאלק צוגעגרײט ווערען, כְּדֵי אָהן גרוֹיס שפּאַרעניש זיך צו לאָזען
פיהרען פון זײ צו אַ הײליגער, הִתלַהֲבוּתדיגער אֱמונה אין מְשִׁיחן, זיך צו לאָזען האַלטען
פון זײ ביי אַ פּול, וואַרים יודישקײט? וויאַזוֹי זאל געטון ווערען די דאָזיגע גאַנצע גרוֹיסע
אַרביט פון תִּיקון הָעָם; וויאַזוֹי קאַן מען פּועלען, אַז גאַנץ פאלק, וואָס שוֹין אויף דער
עֶרשטער העלפט וועג האט עס אָנגעהויבען צוריקצולויפען, זאל גאָר אַריבערקוקען אויף
דער צווײטער העלפט, אויף דער הײליגערער העלפט? די אַלע שְׁאֵלות האב איך מיך
געפרעֶגט און כ'האב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָ קלעקען נישט קײן ווערטער. אֶפְשר
וואלטען זײ געקלעקט, ווען ס'וואלט נאר געגאַנגען וועֶגען מאדישע ליטעראַטיש־
רעליגיעֶזע זיס־פלאַפּלערישע אַוואַנטורען פון אונזערע שלימַזלדיגסטע און עֶקרדיגסטע
מענטשען, פון אונזערע מַשׂכִּילישע אינטעליגענטען. אבער אַזוֹי ווי ס'גײט וועֶגען אַ
רְפוּאה שלֵימה, וועֶגען אַ באַשאַפענדיג אַרביטען אינ'ם לעֶבעדיגען פאלק, אין גאַנץ פאלק
גוּפא — איז דערויף פאַראַן נאר אײן הַמצָאה: צו ווייזען אַ לעֶבעדיג מוסטער: אַ
מוסטער דאַרף מען באַשאַפען, אַ בַאי' אויף דער כּנֶסת יִשׂרָאל, אַ מַחנה יודען, וואָס
לעֶבען אַזוֹי און אָרדענען זיך אײן אַזוֹי, ווי די גאַנצע כּנֶסת יִשׂרָאל וואלט געדאַרפט
לעֶבען און וואלט געדאַרפט זײן אײנגעאָרדענט, אַ מַחנה, אַ בונד פון מַחנות, וועלכער
וואַקסט אַזוֹי לאַנג, ביז ווען ס'וועט מעֶהר ניט זײן קײן חילוק צווישען איהם און
צווישען דער כּנֶסת יִשׂרָאל („דִבְרֵי הָעוֹלים", מאמר „דִבְרֵי הָעוֹלים", ו') *). דעם
דאָזיגען בונד האב איך אָנגערופען „די עוֹלים".

*) „און נישט מיט אונזערע ווערטער אליין קומען מיר צו אונזערע ברידער און שוועסטער, נאר
אויך מיט אונזער לעבען און מיט אונזערע מעשים, און זייער לעבען און זייערע מעשים
פארערען מיר פון זיי. און שטארק איז אונזער האפענונג, אז זיי וועלען קומען צו אונז, וואס
אמאל מעהר און מעהר, ביז די גאנצע כנסת ישראל וועט זיין איין אייציגע אגודה פון עולים,
געהיט פון זייערע שומרים, איין אייציגע אגודה פון געטרייע צו דער תורה, פון אזעלכע, וואס
שטרעבען צו גערעכטיגקייט און קדושה און וואס זענען זיך מתכוון אויף צו ברענגען משיחן."

ס׳האבען זיך געטראפען אַזוינע, וואָס האבען גערעדט מיט קלות־ראש וועגען די עולים ווי וועגען אַ כיתה, וואָס מען גייט באַגרינדען. איך מיין, אַז וועגען אַ כיתה קאן מען רעדען נאר דארטען, וואו ס׳איז פאַראַן אַ פּירוד מכּוח די פּרינציפּען און וואו מען אַנערקענט נישט דעם כּלל. אבער אויף די עולים קאן מען דאך דאָס נישט זאָגען. זיי זענען גאָרניט נאר אַ געזעלשאַפט פון אַרביטער, וואָס וויל אַרביטען צווישען יודען און בּפרט צווישען יראים, מיט געטריישאַפט און באַהבה פאַר דעם יודישקייט. זיי זענען נישט אויסען צו קריגען זיך, נאר צו בויען. זיי ווילען קיינעם ניט אָנרעדען, אַרויסצוגייען פון וואָס עס איז ניט פאַר חברות און גרופּעס, וואָס אַרביטען פאַר יודישקייט, נאר מיט אַ כיוון אויף גיכע פעולות און אויף משפּיע זיין אויף מאַסען. און זיי שטערען אויך נישט זייערע אייגענע מענטשען צוצושטיין צו די דאזיגע חברות און גרופּעס. זיי פאַרלאַנגען פאַר זיך גאָרנישט, נאר מען זאל זיי נישט שטערען ביי זייער הייסער אינעווייניגער אַרביט פאַר יודישקייט, יהדות און יודען און מען זאל זיי לאזען האפען, אַז דורך זייער אַרביט וועלען זיי צוציהן וואָס אַמאָל מעהר יודען, ביז ס׳וועט אַמאָל קומען די צייט, ווען אַלע יראים וועלען זיין עולים.

כ׳האב אויך געהערט רעדען וועגען די עולים, ווי וועגען אַן „ארדען", און כ׳בין מודה, אַז דאָס ווארט איז שוין ניט אין גאַנצען פון דער וועלט אַרויס. נאר פאַסיג איז עס פארט נישט. אַן ארדען — נאר אָהן די אַלע סודות און ביי־זאַכען, וואָס געפינען זיך ביי ארדענס, אויך ביי יודישע — זענען זיי דערמיט, וואָס זיי פאַרלאַנגען די הסכּמה אויף זייערע פּרינציפּען און תּביעות נאר פון די יודען, וואָס שטייען צו זיי מיטן גוטען ווילען: זיי ווילען קיינעם ניט אָנטשעפּען זייערע חומרות, זייער מעטאָד, זייערע תּקנות. אבער קיין ארדען זענען זיי לחלוטין נישט דערמיט, וואָס זיי זענען איסען, אַרומצונעמען דאָס גאַנצע פאלק, וואָס זיי גלייבען, אַז דאָס איז מעגליך, און דער־עיקר, וואָס זיי האבען דעם פעסטען ווילען, צו פאַרשאַפען זיך דאָס עלאַסטישקייט דערצו דורך פאַרשידענע פּראַקטישע מיטלען (קודם כּל דורך אויפנעמען ביי זיך אויך אַזוינע חברים, וואָס זענען נאך נישט אין גאַנצען ראוי אדער גרייט, צו זיין עולים, פאַרשטייט זיך, מיט באַגרעניצטע התחייבותען און רעכט.

אַגב אורחא, דערמיט איז נישט געזאָגט, אַז די עולים גלייבען אויך אין אַ גיכען פּראגרעסירען פון זייער אַגודה. זיי ריכטען זיך דערויף, אַז אין אָנהייב וועלען זיי זיך מוזען באַנוגענען מיט אַ פאַרקלענערט אַרביטס־פּראגראַם און מיט אַ מעהר פּשוט איינארדענונג, און אַז נאר ביסלעכווייז וועלען זיי קאנען קומען צו אַ ברייטערער אַרביט. וואָרין דערווייל דאַרף מען זיכער האָבען אַ היפּש ביסעל קוראַזש, כּדי אין גאַנצען מסכּים צו זיין אויף די אידעען, וואָס זיי זענען אַרויסגעזאָגט געווארען אין „גאטס פאלק", אויף ווי ווייט זיי זענען מעהר פון ווידוי און קריטיק, און צו ווערען אַן עולה. אַזאַ קוראַזש איז כּידוע ניט איטליכענס עסק.

ד״ר נתן בירנבוים:

(פון די לעצטע יאהרען)

דברי העולים, (לשון הקודש)

דברי העולים, (יודיש)

Jüdischer Buch- und Kunstverlag Max Hickl, ווין, תרע״ז

Gottes Volk

R. Löwit Verlag, 2. Aufl., Wien, 1918.

Nachbemerkungen zu „Gottes Volk“

Verlag des „Jeschurun“, Berlin, 1918.

Vom Freigeist zum Gläubigen

Verlag „Arzenu“, Zürich, 5679.

Vor dem Wandersturm

L. Sänger, Frankfurt a. M., 2. Auflage, 5680.

Um die Ewigkeit

Welt-Verlag, Berlin, 1920|5680.

אין גלות ביי יודען

פארלאג צענטראל־בירא פון „אגדת ישראל״, ציריך תר״פ.

דרוק פון ה. איטצקאווסקי, ברלין.